№ 429

9-Y 781.35

דער

# טויטע גאסט

דאש איז איינע וואהרע געשיכטע · וואש עש האט פאסירט אין דעם יאר טויזינד זיבין הונדערט זיבין אונ נייניציג אין דר בערימטע שטאט מאקאן · וואש איז אין פראנקרייך מיט איינעם אידעשען אבריסט (פאלקאוניק) יאזעף נארבוניע · עש האט זיא נאך ביז אהער קיינער גילעזין · ווייל זיא וואר נאך ניט גידרוקט גיוועזין · אונ ווער עש וויל קענען דיא וועלט · קען ער עש דער גיין פאר גאנץ ווייניג געלט · פון אזעלכע גישיכטין וואש זייען פון גרוישע געוויכטין :

**ווילנא**

בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת תרכ״ט לפ״ק

---

**ДЕРЪ ТОУТЕ ГАСТЪ**

т. е. Мертвый гость.

Разсказъ изъ еврейскаго Быта,

ВИЛЬНА. Въ типографіи Р. М. Ромма. 1869.
На жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

HEBREW - YIDDISH VERY SPARINGLY

TIME: 1797

.1

# דער עלענדער יאזעף

בימי מבוכת צרפת) אין דיא טריבע אונ אום גליקליכע
צייטין פון פראנקרייך וואש האבין גידויערט פון דעם יאר טויזינט
זיבין הונדערט ניין אונ אכטציג · ביז דעם יאר טויזינט אכט
הונדערט איינס · דאש איז אזעלכע צוועלף ביטערע יארין וואש
זיינען פאר צייכינט אין דער וועלט געשיכטע (דברי הימים) מיט
בלוט אונ מיט טרערין · יארין וואש אין זייא האבין דארט הונדערט
טויזינדע מענטשין זייער לעבין פאר לארין · אונ טויזינדע גליקליכע
פאמיליען זיינען בעטלער גיווארין · האט דארט דאן אין דיזער
אום גליקליכעם לאנד אין דער שטאט מאקאן גיוואונט איינע
גרויסע אידעשע פאמיליע וואש מען האט איר גירופין נארבוניע ·
זיא וואר זייער רייך אונ געבילדעט אונ זייער גיאכט בייא דיא
גרעסטע קויף לייט · דען זיא האט גימאכט דיא גרעסטע גישעפטין
דארט אין לאנדע · אונ זיא האט גיבליהעט מעהר אלם הונדערט
יאר · אונ דאש גליק איז בייא איר איבער גינאנגען פון פאטער
צום זון פון כמה דורות · האט זיא דאן אין דיזע טריבע צייטין
וואש וואר דארט הרב איש ברעהו · וויא אלע אנדערע גרויסע
פאמיליען דאן איין ענדע גינומען · אטייל פון אירע גלידער (צלענעם)
האט מען פאר משפט צום טויט אויף דער קווילטינע (איינע
מאשינע וואש וואר גמאכט צום קעפין) אטייל האבין אויס גיוואנדרט ·
אונ דיא איניגע וואש זיינען גיבליבין אין שטאט האבין זיך אום
גישלעפט איבער דיא הייזער · דען זייער פאר מעגין האבין דארט
דיא מורדים קאנפעסקירט · אונ אין אמשך פון אפאר יאר איז אין

מאקאן

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено Ценсурою 17 Iюня 1869 г. Вильна.

מאקאן פון דיזער גרויסין אונ רייכין פאמיליע געבליבין נור איי
איונגער מענציל · אונ דאש וואר אבחוריל פון איאר פופצעהן וו
מען האט אים גירופין יאזעף נארבוניע ער וואר זייער שיין · ק
אונ גיבילדעט אונ העכסט פלייסיג · דאך ווער האט דארט ד
גיקוקט אויף טאלענטע (השלמה) דען דאן האט נור גיגאלטין ד
רויע קראפטי אונ דיא ווילדע מאכט · אונ וואש מען וואר דאן
אנידעריגערע פאמיליע איז גיווען אלץ מעהר מעלה · דען עס ה
דאן דארט נור דער פעבעל (המון עם) · גיהערשט · אונ ד
אויבערסטע וואר צוא אונטערסט · אונ אונטערסט וואר צ
אויבערסט · נון וואר דאהער דאן דיער קינד אזו עלענד · ד
ער האט זיך גימוזט גינערין איינינע מאנאטין פון בעטיל ברוי
אונ נעכטיגען אויף דעם שול הויף · אונ דער נאך איז ער גיוואר
אוועכטער (אשומר) ביי איינעם רייכין יודין אין אויין גארטי
דיזער יודע האט גיהייסין אראן זאמערזעט · ער וואר פריער nouveau riche
גאנץ קליינעם שטאנד · אונ איז אויף גיקומען נור דורך דיא נ
אום ווענדונג (פרעוואראט) וואש דא האט זיך גימאכט דאן
לאנד · דאהער וואר ער ביי זיך זייער גיהייבין · שטאלץ א
שטריינג (שטראגע) וויא דער שטייגער איז פון פראסטע גרא
מענטשין וואש ווערין מיט אמאל רייך · אונ דארום האט ער
גאר ניט געקימערט אום דיזען ארעמען יונגין מענטשיל · א
וואול ער האט גיוואוסט דאש ער איז דעם בינזאמענם נארבונ
זון · אונ פלעגט זיך מיט אים צוא שאפין וויא מיט איין נא
אינגעל · אונ דער יאזעף וואש וואר צוא פרידין דאש ער ה
שוין אביידיל וואו צוא נעכטיגין · אונ דרייא פראנק אוואך ד
לעבין צוא דער האלטין וואר זייער פאשלוסנע · אונ האט גיפא
צוא טאן וואש מען האט אים נור גיהייסין · אונ דורך דעם ה
ער אן גיהייבין ביסלעכווייס צוא גיפעלין דיא הויז לייטע איב
הויפט דיא דינערשאפטען · דען זייא פלעגין אים צוא שיקין א
פייער אונ אין וואסער · דער פאר פלעגט מען אים אפט צוא וואר
אפעטין



עטין ביסין · אפאר אלטע הויזין · אפאר אפ גיטראגענע שטיוועל ·
מען האט אים ערלויבט צוא נעכטיגין דארט אין ביידיל אפילו
דעם וויא מען האט שוין דיא ווייך טרויבין ארום גינומען ·
אין אקאלטע נאכט פלעגט אים דער שטראז לאזין נעכטיגין
זיך · אונ פלעגט אים נאך דער צוא וואש שיינקען דאש ער
דעם הויף ארום קערין · דיא בריצקע ארום וואשין · אונ אזו
ער זיך אוועק גיוועלגערט אגאנץ יאר דארט ביי דעם
מערזעט אין הויף אונ אין גארטין · אונ האט נאך ניט גיהאט
זכיה דאש דער זומערזעט זאל מיט אים איין ווארט אוים ריידין ·
ער דאש ווער זאל אים אין שטוב ארײן רופין · נון הייסט עס פיל
מער אלס איין הונד גיהאלטין · דאך אונזער יאזעף האט עס
ניט גקימערט דען ער האט דאן גיהאט פאר זיך פיל טרויעריגע
שפילען אלס זיין אייגענעם אום גליק · דען גאנץ אפט פלעגט
אים צוא טרעפין צוא באגעגענען גייענדיק צום ברעג טייך אום
היטין דארט דיא זאכין פון דיא וואש באדין זיך דארט פאר
דרייא זום (קאפייקען) · מאנכעם איידעלעם מיידכען פון
גרעפעשין הויז טראגט אקריגיל וואסער מיט איין אום צוא פאר
עם צווישין דיא עקענשטייער (נאם מענטשין) :
וכן שב הקיץ) נון איז דער ליבער זומער ווידער גיקומען
זיינע פריידען אונ מיט זיינע בליטען · אונ אונזער יאזעף איז
גיווארין וועכטער אין דעם זעלבינגין ווייין גארטין אונ האט
באקומען גיהאלט גאנצע דריטהלבין מאנאטין · אונ אין
זומער וואר אים שוין פיל גליקליכער גיגאנגען אלס אין דעם
דען דיא טאכטער פון דעם הערין זאמערזעט וואש וואר
זייער שיינעם קינד אלט איאר פערצין · אונ שוין איין עטוואס
דעט האט אן גיהייבין דיזען ווייין גארטין זייער פלייסיג צוא
ווייל דיא ערצטע (דאקטורים) האבין איר איין טרויבין
פעראדנעט (דאש הייסט זייא האבין איר גיהייסין עסין זייער
טרויבין אלע טאג) נון וואר שוין דאש איינע גוטע
גילעגענהייט

גילעגענהייט דאש ער זאל זיך מיט איר באקאנט מאכין · און
זיך דורך דעם זיינע עלינדע פיל לאגע פר בעסערן· ערסטינס פל
ער איר העלפין אויף זוכין דארט דיא טרויבין וואש זיינען שוין ר
צייטיג · צווייטענס פלעגט ער איר אין ארעגין צוא האלטין
גרויסין שירעם איבער איר קאפ· איינינגע מאל האט ער נאך ג
דיא זכיה דאש אין אגרויסין שלאגס רעגין איז זיא אריין אין
ביידעלע · און האט גיהאט דאן גינוג געלעגענהייט צוא באטרא
זיין הארטין לאגער· זיינע גראבע און שווארצע ברויט · דער
נאך האט זיא אמאל דער זעהען דארט איינינגע ביכער וואש גרא
איר לעהרער גיט איר אונטער ריכט איצונד פון זייא · עס וו
אין דיזע ביכער זייער שיינע לידער גידרוקט · און זיא האט
גיפרעגט מיט איינעם האלבין שטאלצין לאכין „זאג מיר גא
(יונגע) וואש טוען דא אין דיין ביידיל אזעלכע ביכער ·
לעזעט דא אין זייא„ „איך גינעדיגע מאמזעל„ האט ער איר געענטפ
שטעלענדיק זיך פאר איר וויא איין מיילציג מיט דער מיץ אין ה
און רויט ווערענדיק „אזו„ האט זיא זיך אפ גירופין · איך האב
ניסט גיוואוסט פון אונזער גליק דאש מיר האבין אין אונזער גא
אזו אוועכטער וואש לעזט אזעלכע ביכער · נון וואלט איך
גיוועזן אבאלין צוא הערין וויא אזו אגארסאן (בורסע אדער
זינגט אויס אזעלכע לידער · נון זינג מיר דא מיט דעם אר
ווייזע (יתום) · אונזער יאזעף האט זיך ניט גילאזט צווייא
בעטין · און האט עס פאר איר אזו הערליך זים ריהרענד
קלינגענד אויס גיזונגען דאש זיא האט זיך אין טרערין צו גאסן
צייט זיא לעבט האט זיא נאך ניט גיהערט אזו ארייגע פ
און גישמאקע שטימע · אזעלכע טרעלין · אזעלכע זיסע געל
אזו איין טיפין און דייטליכין אויס דרוק אין יעדעם ווארט ·
עס בערירט דאש הערץ · און ערוועקט מיט ליידין · מיט
ארעמען ווייזען (יתום אדער יתומה) זעלבסט ווען ער שטיי
פאר דיא אויגין און פשיטא שוין ווען מען האט דא נאך אזו א

פאר



פאר זיך וויא אונזער יאזעף ווארדאן „א ארעמער יונגע„ האט זיא
צוא אים גיזאגט · „ווען דוא איין ווייזע ביזט דא איז דיזעם ליד
אן גימאסטין פאר דיך „יא מאמזעל איך בין עס„ האט ער איר
גיענטפערט · און צווייא גרויסע טרערין האבין זיך ארויס גיקייקעלט
פון זיינע אויגין · און דאך זיינען אין דיזער צייט דא נאך פיל
עלענדערע פאר מיך · ניין נאך ניט מיר איז צוא וויינען :

מדברותיו וממנגינותיו) פון זיינע רייד און פון זיינע גיזאנגע
האט זיא שוין גינוג גימערקט · דאש ער איז ניט איין גיבארענער
בעטלער · און האט אים שוין געווירדיגט איין צוא קוקין טיף אין
גיזיכט · און האט איין גיזעהען דאש ער איז פון נאטור זייער שיין
און איידעל נור דאש עלענד האט אים פאר פינסטערט · נון האט
זיא אים אויס גיפרעגט וועמעס זון ער איז און וויא אזו ער קומט
אהער · ער האט איר אלץ דער ציילט קורץ און ריכטיג · זיא האט
אים אויס גיהערט און האט דער בייא אלץ דיא אויגין גיווישט ·
„נוא פון היינט אן„ האט זיא אים גיענטפערט זאל עס דיר בעסער
גיין· דען דוא ביזט ווערט איינע בעסערע בעהאנדלונג · און דאש
זאל עס דיר אין דעם הויזע פון מיינע עלטערין גישעהען · פאר איר
אוועק גיין האט זיא אים גילאזין צעהען פראנק · דאש ער זאל זיך
קויפין איין פראסטין רעקיל · און האט אים פאר שפראכין אלעס
גוטעס · און אזו איז ווירקליך גישעהען · דען פון דיזעם טאג אן
האט מען אים גיגעבין עסין אין קיך · און בישלאך ווייס אויס צו
קליידין · בייא יעדעם מאל וואש זיא וואר אין גארטין פלעגט זיא
אים צוא לאזין אמטבע ארעכטע · און דאש וואר נאך אלץ אן
איר פאטערס וויסין · און דער נאך אלס זיא האט איין גיזעהען
דאש ער איז פון איינער גוטין אויף פיהרונג אויך · דען ער ווענדעט
אן יעדען גראסין צום גרעסטין נוצין · האט זיא שוין אן גיהייבין
אריין צוא האנדלען מיט איר פאטער וועגין אים · דאש ער זאל
אים אריין נעמען אין זיינע גישעפטין · און זיא האט עס בייא אים
מיט גרויס שווערקייט אויס גיווירקט · ער האט אים צוא גינומען

צוא

צוא זיין האלץ גישעפט · האט אים גיגעבין פערציג פראנק אמאנא
אונ האט אין אים גיפונען גרויסע פעהיגקייט (שפאסאבנאסט) צ
גישעפט · אונ האט גידארפט זיין העכסט צוא פרידין פון אים
דאך האט עס אוים גיזעהען דאש ער האלט אים נור צוא ליב דע
וואש זיין טאכטער פאר לאנגט עס · אבער ניט וייל ער איז
ווערט · אזו איז זיך איבער גילאפין נאך אַיאר · אונ דער יאז
האט שוין איין עטוואס געלט גיזאמילט · אונ האט דאך אזו פ
אין דיזעם יאר זיך גיפעליג גימאכט בייא זיינעם העררין דאש
האט אים אין דעם צווייטין יאר גיהעכערט שכירות אונ דער צ
אויך טיש גיגעבין · אגאנצע וואך פלעגט ער צוא עסין אין ק
נור שבתים אונ ימים טובים מיט דער פאמיליע צוא זאמען א
האבין אים מיט דער צייט אלץ ליבער אונ ליבער באקומען · ד
אויף דעם דריטין יאר האט ער שוין באקומען הונדערט פרא
אמאנאט · אונ דער צוא קעסט אגאנצע וואך שוין צוא זאמען מ
דער פאמיליע · אונ דאן האט ער זיך אזו בעליבט גימאכט ב
אלעמען אין שטוב דאש מען האט אים דארטן גיהאלטין וויא
אייגענעם · נאך מער פאר אלעמען האט אים האלט גיהאט
טאכטער מארגאט (מרגלית) · דאך וואר איהרע ליבע צוא
מעהר אלם איינע שוועסטער ליבט אברודער אלם איינע פאר ליב
ליבט איהר גיליבטין · אונ אזו וואר אויך זיינע ליבע צוא א
דען וויא האט עס גיקאנט אנדערש זיין · ווען זיא איז אטאכט
פון אגרויסין גביר · אונ ער נור איין שלוזאסטע וואש וואר פר
איין שומר אין גארטין · נון הייסט עש דאס זיא וואר אים ז
גוט · אונ פלעגט אים צוא טאן אלע טובות וואש עס איז
מעגליך גיוועזן :

## 2.

## איין גרויסער אום גליק.

ארבע שנים חלפו) פיר יאר זיינען איבער גילאפין שוין





יאזעף איז גיווארן פר יאגט פון זיינע עלטערינס הויז· אונ נאך וואר קיין
רוהע (מנוחה) אין פראנקרייך · דיא קווירעטינע (דיא קעפענדע
מאסינע) וואש וואר אוים גישטעלט אויף דיא מערק פון יעדער
שטאט האט גיארבעט וויא טאג אונ נאכט · עס וואר דאן דארט
אזו איינע שרעקליכע פראוועניע דאש מען פלעגט דאן לייכטער
דארט דעם קאפ פאר לירין אלם היינט איין קאלאס פון פוס אין
אמיפין שנייא · אונ מענטשין בלוט האט זיך גיגאסין אונ גיפלאסין
ווהא וואסער אין דיא רינסטעקעם · אונ לבד דיזעם אונ שלום וואש
וואר אין לאנד צווישין איהרע אייגענע איין וואונער · וואר
נאך גרויסע מלחמות אויף דיא גרענעצין וואש פראנקרייך האט
גיפירט מיט אנדערע מלוכות · נון דאן אין דעם זעכצעהנטין מאי
1793
טויזענד זיבין הונדערט דרייא אונ ניינציג בייא נאכט איז אונזער
יאזעף פאר פאלין גיווארין · דען ער איז ניט גיקומען נעכטיגין ·
אונ דאש וואר בייא אים דאש ערסטע מאל · דען ער פלעגט
אנדערש וואו קיין מאל ניט נעכטיגין · נון האט דער זומערזעט זיין
פרינצעפאל גימיינט דאש מען האט אים פיליכט אריין גיזעצט ·
אדער גאר גיקעפט · דען דאש וואר דאן דארט העכסט גיוואונליך ·
ער האט עס נאך גיפארשט אונ נאך גיזוכט · אונ מען האט דארט
נים גיוואוסט וואש צוא זאגין פון אים · נון האט ער ווידער
גידיינקט פיליכט איז ער אנטלאפין גיווארין · נון האט ער פאר
גיווים באשטוילין דיא קאסע · אונ האט עס אויך ארום גיזעהען אונ
האט עס גיפונען אלץ אין גאנצין · נאך מעהר עס איז נאך גיבליבין
ליגין דארט צוואנציג לאדארין זיינע · נון איז מען דארט משוגע
גיווארין טראכטענדיק וועגין אים · דען מען וואר פון אים צוא
פרידין · אונ אזו ווידער ער וואר אויך צוא פרידין אין העכסטין
נחאד · ער וואר צוואר דארט איין פרעמדער · דאך האט יעדערין
לייד גיטאן ארום אים · מעהר פאר אלעמען האט עס אבער
גיקריינקט דער טאכטער מארגאט · דען זיא וואר אים ווירקליך
גוט · דען וועמען איז מען נאך אזו גוט וויא דעם וואש מען האט

נוטעס גיטאן · דאהער האט זיא אים שרעקליך בעדויערט
גיוויינט · אונ האט זיך אן אים גאר ניט גיקענט פאר געס
פלעגט פון אים צוא ריידין · אונ יעדעס מאל וואש זיא האט
נור דער מאנט האט זיא גימאן אשרעקליכין זיפץ · זיין ביסילג
וואש עס איז גיבליבין · זיינע קליידער האט זיא עס אלץ
זאמען גינומען אונ באהאלטין אין איר גאבינעט · דען עס האט
אין איר גישלומערט איינע שוואכע האפענונג דאש ער וועט
אמאל צוריק קומען · אונ אזו איז זיך דער ווייל איבער גיל
איין מאנאט נאך דעם אנדערין · אונ מיט דער צייט אגאנצ
יאר · אונ מען האט זיך שוין גאר אין גאנצין פאר געסין דארט
שטוב אן דעם ארעמען יאזעף · לבד דיא שיינע אונ טרייע מארגא
דען זיא פלעגט אים אימר דער מאנן אונ בעדויערין · אונ דאש זעלב
איז גישעהן אין דעם צווייטין אונ אין דעם דריטין יאר · די מארגאט וו
שוין דאן אזו איין מאמזעל פון צווייא אונ צוואנציג יאר · די העכ
צייט פאר אדער וואקסענע מעדכען התונה צו האבין · דאך ו
נאך ביי איר אונ בייא דיא עלטערין קיין גידאנקען דער פ
דען דיא צייטין וואריו נאך זייער שטירמיש אונ העכסט אום ר
אין פראנקרייך · דאש עס וואר דאן קיין איינציגער מענטש דא
אים לאנדע דאש מען זאל מיט אים זיכער זיין דאש ער זאל א
מארגין נאך דער חופה קיין סאלדאט ווערין · דען עס וו
מלחמות אויף מלחמות אזו אין לאנד צווישין זיך אונ אזוא
למדינה · נון וואר דארט בייא רעכטע מענטשין קיין שום הח
גימאכט · אונ אזו כל זמן דיא קווילטינע (דיא קעפענדע מאס
איז דארט אויף דיא מערק גישטאנען · האט מען ניט גישטע
קיין חופה אין קיין נגידעשע הויז · אונ דאהער וואר נאך אונ
מארגאט דאן נאך אונ פאר הייראמהעט · אונ קיין כלה אויך ני
אונ איז זיך דער ווייל גיווארין זייער שיין · שטארק אונ גיזונ
דאס מיט רעכט האט מען איר גיקענט רופין „דער שטאלץ פון מאק
דען זיא וואר דארט דיא שענסטע אונ צו גלייך אויך דיא רייכס

דען



דען איהרע עלטערין האבין זיך גראדע אין דיזע שלעכטע יארין
זייער בערייכערט אונ האבין גיוואוסט אויש צו דרייען זיך פון אלע
אום גליקין וואש האבין דאן כמעט קיין שטוב ניט פאר שוינט ·
אונ ווארען נאך דער צו אויך געליבט בייא אלעמען :

## 3.

### „איינע וואונדערליכע נאכריכט„

ויהי מקץ שלש ‍שנים) אונ עס וואר אין דרייא יאר ארום
נאך דיזער געשיכטע · אין איין שיינעם זומער אווענד אלם דיא
מארגאט איז זיך גיזעסין אין איר אויבער צימעריל אונ האט דארט
וואש גינייט · האט זיא דער הערט עפעם אגרויסע שפילערייא ·
באלד נאך דעם אגרויסע פויקערייא · זיא האט זיך ארויס גיבויגין
אין גאס דורך איר קליינעם פענסטער · אונ האט דער זעהען
אגרויסין שטויב אונ אגרויסין צוא זאמען לויף פון דיא איינוואונער ·
נון האט זיא באלד גיפרעגט וואש איז עס פאר אנייעס „א פיר
נייעם מיינע ליבע מארגאט„ האט איר איינע פריינדין גיענטפערט ·
עס קומט אן איין רעגעמענט (פולק) פיעהאטע וואש וועט זיך דא
אפ שטעלין · דער מאנט אייך אגאנצער רעגעמענט · אונ דאס דער
שענסטער פון גאנץ אראפא · דען דיא סאלדאטין אונ דיא אפיצירין
זיינען די שענסטע אונ די רייכסטע יונגע לייט פון גאנץ פראנקרייך ·
אלע קינדער פון די גרעסטע קויף לייטע אונ קאנטאריסטין · מיר ווערין
דא האבין גוטע יארין פון זייא אין אונזער פאר געסענע שטאט: פרנסה
אונ פריידין · וואלטין זייא זיך נור דא לאנג פאר זאמען :
אונ אין דעם וויא זייא ריידין דא אזו האט אן גיהייבין דיזער
רעגעמענט (פולק) צוא מארשירען פאר בייא איר פענסטער · יעדער
סאלדאט אונ יעדער אפיציר וואר נאך זייער יונג בלוט אונ מילך ·
אונ שיין דאש זייא זיינען ווערט גיוועזן צוא מאלען אונ דער צוא
קרעפטיגע קערלע אלע · דאש דיא ערד האט גיציטערט
אונטער זייערע טריט · זייא ווארין אלע פאר שטויבט פון וועג

אונ

אונ פאר ברענט פון דער זון · אונ דאך איז גילעגין פריידע אונ
לעבין אין יעדעם געזיכט · דאש נאך האט דיזע שטאט אזעלכע
לייטע ניט גיזעהען · אונ נאך האבין זייא אזעלכע מוזיקע ניט
גיהערט · זייא זיינען שיר פאר טויבט גיווארין פון דעם גרויס
ראזורוך · אונ פון דיא שטארקע פויקערייא · עס האבין דער פו
דיא פענסטער אין דיא מויערין גיקלונגען · אונ דיא הערצער האבין
אין דיא בוזעמער גיציטערט · עס זיינען ארויס אנטקעגין זייא דיא
אויבערקייט פון שטאט · אונ דיא גרעסטע בירגער · אונ מען האט
זייא אויף גינומען מיט פריידין · יעדער גימיינער בירגער האט מיט
זיך גיבראכט אהיים איינעם גימיינעם סאלדאט · דיא פארנעמערע
אונ רייכע בירגער האבין מיט זיך גיבראכט אפיצירען · אונ אונזער
אראן זאמערזעט האט מיט זיך גיבראכט אהיים דעם מאיאר זעלבסט
וואש האט איצונד באטראטין דיא שטעלע פון פאלקאווניק וואש
וואר דאן קראנק · איין יונגער מאן פון עטליכע אונ צוואנציג יאר
איין נעטער קעריל · אונ גיזונט אונ פעסט וויא פון מארמאר גיהויען ·
נור דיא לינקע האנט האט ער אין איין פעטליצע (שלייפע) גיטראגין
דען זיא וואר נאך ניט אויס גיהיילט פון איינער ראנע וואש ער
האט דא ניט לאנג באקומען · מען האט אים אפ ניגעבין דארט
צווייא צימערין · קוים האט ער זיך אויס גיטאן · ארום גיוואשין
אונ אן גיטאן איין לייכטין ראק · האט מען אים ארײן גיבעטין
אין זאל אויף קאפע · עס ווארין בייא דעם טיש דער אראן זאמערזעט
זיינע פרויא סאלידע אדער זעלדע אונ זייער טאכטער מארגאט ·
נון פאר שטייט זיך איין עטוואס פאר פוצט · מען האט זיך בייא
דעם טיש זייער פריינדליך אונטער גיהאלטין · עס איז גירעט גיווארין
זייער פיל פון דער איצטיגע בייזע צייט פון דער מלחמה וואש
וואר איצונד מיט עסטרייך וואש דיא פראנצויזין האבין אין איר
זייער גוט גימאכט · אונ עס איז באדויערט גיווארין וואש דאש
האט זייער פיל בלוט גיקאסט · דער מאיאר האט דער בייא זייער
בעזיפצט אונ האט זיך דער בייא ארויס גיחאפט מיט אפראגע עפעס
וואס



וואש האט עפעס פאר דער האנד גאר ניט גיפאסט צוא דעם
איצטיגין גישפרעך „זאגט מיר מיין הער״ האט ער גיזאגט צוא דעם
אראן זאמערזעט „וואו וואונט דא איין גיוויסער רייכער קויפמאן
אראן זאמערזעט · איך גלויבע דאש ער איז איין יודע · פיל גלייך
מען זאגט דאש ער איז איין בראווער מאן״ „צוא וואש ברויכט אים
דער הער מאיאר״ האט אים דער אראן גיפרעגט האלב לאכענד
יא איך האב צוא אים איינע גאנצע קאמיסיאן פון מיינעם איין
אונטער אפיציר איין יונגער מאן איין יודע וואש הייסט יאזעף
נארבוניע · ער ליגט אין שפיטאל דען ער איז זייער שווער גיראנעט
נון האט ער מיך גיבעטין דאש בייא מיינער זיין אין מאקאן זאל
איך צוא דיזעם אראן ארײן גיין גיריכין אים אין זיינעם נאמען ·
נאך מער זיינע פרויא אונ זיינע טאכטער · דען ער וואר אייניגע
יאר בייא זייא אין הויז אונ זייא האבין מיט אים גוטעס גיטאן ·
אונ אפ נעמען בייא זייא צוא גלייך זיינע צוועלף לואידארען אונ
קליידער · איך האב בייא מיר איין גאנצין רייסטער דער פון · יא
איך גלויבע מען וועט עס אפ געבין · מיך קריינקט דיזער קעריל ·
ער איז דער בעסטער סאלדאט אין מיינעם רעגעמענט · שאדע ·
ער וואלט זיך גיקאנט זייער לייכט דער דינען בייא דיא יעצטיגע
אים שטענדע (אבסטעיאטעלסטוועס) וואש מען שטייגט אין שלוזבע
פון טאג צוא טאג · איך האב אים פאר גישטעלט שוין פאר
פארוציק · דען ער האט עס איצונד העכסט פאר דינט · דאך
האפע איך דאש ער וועט גיזונט ווערין :

הדברים האלה) דיזע רייד פון דעם מאיאר וואר וויא איין
פנק אין איין פולווער קאסטין דען זייא האבין אלע דרייא זייערע
ארויס גיפלאצט מיט איינער פאר וואונדערליכע פראגע „אזו גאר
יאזעף איז סאלדאט גיווארין״ נון איז גיווארין איבער דעם אגרויסער
גישפרעך בייא דעם טיש · אונ אראן אלס הער דער הויזע האט
פריער זיך אויס גירעט פאר דעם מאיאר וואש ער האט גיהאט
צוא ריידין וועגין דיזעם יאזעף „פריער פאר ארץ מוז איך אייך
מעלדין

מעלדין, האט ער אים גיזאגט · דאש איך זעלבסט בין עס אר[...]
זאמערזעט · צווייטענס דאש דיזער יאזעף האט קיינע ליגין גיזאגט
ער האט עס ווירקליך בייא אונז גילאזין · און מיר גיבין עס א[...]
צוריק מיט פריידין · דען מיר זיינען העכסט צוא פרידין דאש מ[...]
הערין איצונד פון אים דאש ער לעבט נאך און איז סאלדאט
דינט זיין פאטערלאנד · דאך האב איך אויף אים פארדרוס דא[...]
ער איז אוועק פון אונז גאר אן אונזער ידיעה · ער האט זיך נ[...]
ניט מישב גיוועזן מיט אונז צוא זאל ער עס טאן · און האט [...]
גאר ניט גיזעגינט מיט אונז · נון האב איך דאש רעכט צוא זאג[...]
דאש איך האב אים פון אן הייב אן שוין גוט פאר שטאנען דא[...]
ער איז ניט ווערט דאש מען זאל אים מקרב זיין · דען איך ה[...]
אין אים איין גיזעהען דאש ער איז איין אום דאנקבארעס ק[...]
(כפוי טובה) · דאך האב איך אים זייער באדויערט דען ער ווא[...]
דאך חוץ דעם איין בראווער יונגע · מיינע טאכטער און מ[...]
פרויא אבער זייא האבין זיך גאר ניט גיקענט פאר געסין אן [...]
פלעגין אים אלע טאג דער מאנען · און האבין נאך געסטע[...]
זייערע אויגין רויט גיוויינט איבער אים · קוים האט דער פאט[...]
געענדעט זיינע רייד האט דיא טאכטער אן גיהייבין נאך צוא פר[...]
בייא דעם מאיאר איבער זיינע קראנקהייט צוא איז זיא [...]
גיפערליך · און האט דער בייא זיך גיווישט דיא אויגין גאר
אויף הערונג „א„ האט זיך דער מאיאר אפ גירופין · איך בעני[...]
(מקנא) מיינעם סאלדאטין דאש אזו איינע ערליכע מאמזעל ווי[...]
אויף אים · העטע ער עס גיוואוסט וואלט ער זיך העכסט גליק[...]
גיזעצט · איך קען דיר שווערין האלדעס (גערימטע) מיידכען [...]
איך בין ניט אין אבעסערע לאגע אלס ער איז · דען איך בין [...]
אויך גיראנעט און וואר נאך פיל שווערער אלס ער גיראנעט ·
נאך וואר נימאנדען לייד אום מיך :

„יא ליבער הער מאיאר„ האט זיא זיך אפ גירופין צוא א[...]
זייא קענען אים נור אלס סאלדאט · איך קען אים אבער א[...]

איין



איין עלענדעס קינד פון פארנעמע עלטערין וואש איז צום בעסטין
ברויט גיקומען · און איך וואר דיא ערסטע וואש האב אים
גיהאלפין · און איז ווירקליך גיווארין דורך מיך גיהאלפין · און
וואר דער פאר אזו דאנקבאר (מכיר טובה) · אין ווידער וואר
איך מיט אים אזו ווייט צוא פרידין · דאש עס וואר מיר איינע
ווילין לוסט אים ווייטער גוטעס צוא טאן · איך האב נור איין
קליינעם פארדרוס אויף אים דאש ער האט פון מיר פאר שווייגין
דאש ער וויל סאלדאט ווערין · און האט זיך זעלבסט מיט מיר
ניט גיזעגינט וואש דאש שטאסירט זיך גאר ניט מיט זיינעם
כאראקטער · נון פילייכט ווייס דער הער מאיאר וויא אזו ער איז
גיווארין סאלדאט פילייכט וועט ער דורך דעם גירעכט בלייבין
בייא אונז · דען איך וויל דאש דיזער אום שולדיגער מענטש זאל
אין דיזער זאכע אויך אום שולדיג זיין :

כן דברת) „יא דוא האשט רעכט האלדעס מיידכען„ האט
ער איר גיענטפערט · מיר גיהערין יעדין בראווען מענטשין צוא
אורטיילען (משפטין) אימער פון דער גוטין זייטע (דן לכף זכות
זיין) · דיא גישיכטע וואר וויא ער האט מיר דער ציילט אזו אלס
ער וואר איין גיוויסין אבינט אויף יענער זייט טייך זאאנע וועגין
איין טראפפט האלץ וואש איז אהין פאר לאפין האבין אים אן
גיטאפט עטליכע יונגע סאלדאטין מיט איין פארוציק פון דיזעם
פאלק און האבין אים ניט גילאזט גיין צוריק אהיים „עס איז
שאנדע„ האבין זייא צוא אים גיזאגט · דאש אזו איונגער מאן
וואש איז גיזונד אויף אלע גלידער זאל זיך איצונד אלס אונזער
פאטער לאנד איז אין אזעלכע נויטין · זאל זיך איצונד באשעפטיגען
מיט כאהער מאכער · ניין ווערע בעסער סאלדאט · אויף דעם
פעלד פון עהרע (כבוד) וועכסט דוא זיך פיל נוציגער מאכין צוא
זיינעם פאטער לאנד און צוא דיר אליין · דוא קענסט באלד
אפיציר ווערין · מאיאר · פולקאווניק · און זעלבסט יענעראל ווערין ·
און האבין אים אזו מיט זיך גישלעפט · און איז אזו אוועק מיט

זייער

זייער פולק צום גרענעץ · עס איז שוין גלויבע איך דיא גישיכ
גאנצע דרייא יאר · אונ דיזע דרייא יאר וואר פאר אונז סאלדא
נור וויא איין שלאכט · דאש מען האט נור גידיינקט פון זיך אלי
נאך האט ניט איינער פון אונז וואש אהיים גישריבין :

„א פרייט מיך„ האט זיא זיך אפ גירופין · דאש דוא
טייערער יאזעף ווארסט נור גיצוואונגען צוא דיזעם שרעקלי
שריט (טריט) · אונ דאש דוא ביזט שוין ניט בעלאסטעט מער
דער זינדע פון אום דאנקבארקייט (כפוי טובה) · נוא בעט
אייך ליבער הער מאיאר · זייט אים ווייטער גוט אונ גינעדיג ·
דיזער יונגער מאן איז פיל מעהר אלס איין מענטש · ער
ווירקליך איין איינגעל · דיזע רייד פון דיזער מיידכען האט
ווייט גיווירקט אויף דיזעם מאיאר דאש ער האט גימאכט אקלי
אום רייד אונ איז אריין צוא זיך אין צימער אונ האט זיך ד
זייער גוט אוים גיוויינט · אונ דאש האט דער ווילע גיגעבין א
גוטע גילעגענהייט פאר אלע שטוב מענטשין · צוא ריידין א
דעם מאיאר אונ אזו פון דעם יאזעף · אונ מען וואלט זיך נאך
אפ גירעט דער פון בודאי ביז אהער · דען עס וואַרין דארט
שטוב מעהרערע פרויען · ווען עס וואלט ניט זיך גימאכט
ביי באלד איינע גרעסערע נייעקייט · וויא מיר וועלין דא ב
ווייטער דער ציילין :

ר' יוסף
אין מצרים

## 4.

„איינע נאך גרעסערע וואונדערליכע נאכריכט פון דעם יאזעף

עודם מדברים בבית ושר האלף בוכה במסתרים בה
אונ עס וואר אלס דיא שטוב לייטע האבין דא גירעט צווישן
נאך אין שטוב וועגין דעם יאזעף · אונ דער מאיאר האט גיווי
סאקרעטנערהייט דארט אין צימער ביי זיך · זיינען אריין עטלי
אפיצירין פון דעם פולק · אונ פרעגין וואו גייט מען דא ארי
דעם מאיאר יאזעף נארבוניע · דיזע פראגע האט אזו פיל גיווי

אויף



אויף דיא גימיטהער (ציילין) פון דעם אראן · פון זיינער פרויא
זאלידע אונ פשיטא שוין אויף דעם גימיט פון זייער טאכטער מארגאט
זוא קאלטע וואסער אויף איין היים רויטין אייזין · דען עס איז
ויא גיווארין קיל אויף זייערע הערצער · אונ דיא זאלידע וואר
ויא ערסטע וואס האט אויש גישריען · איך גיב קיין צווייא
ראסין דאש דער מאיאר איז ניט אונזער יאזעף נארבוניע · וויא איך
עבע איך האב עס נאך פריער גיוואלט זאגין · דען ער איז גאר
פאענע ער · דאך איך האב מיך גישייט · נון וואר שוין דיא
אבטר אויך באלד אין דער זעלביגין מיינונג · דאש דער מאיאר איז
אועף · נור דער פאטער האט ניט איין גישטימט · אונ דאך האט
ער אן גיהייבין שוין ביי זיך איבער צוא דיינקען וואש האט ער
א גירעט אויף דעם יאזעף · אונ האט זיך אן גיהייבין צוא בייסין
נעגיל · נון וואר דאריבער אלאנגער גישפרעך ביז דיא אפיצירין
ייען אוועק · אונ דאן אלס דער מאיאר איז ווידער אריין צוא זייא
איין מאל · אונ האט אן גיהייבין ווייטער צוא ריידין · דא האט אים
ויא טאכטער אזו גיוויס דער קאנט דאש זיא האט אן גיהייבין צוא
שרייען · גינוג מיין פריינד · אוועק מיט דער פאר שטעלונג · קריינק
מיך ניט · דוא ביזט יאזעף · דוא ביזט נארבוניע :
(ולא יכול להתאפק) דא האט ער זיך שוין ניט גיקענט איין
האלטין · אונ איז איר גיפאלין צוא דיא פיס אונ האט זיך זייער
שטארק פון איינאנדער גיוויינט „וואש זע מאכסט דוא מיין טייערע
גאלדענע מארגאט„ האט ער צוא איר גיזאגט · ווירקליך איך בין
יאזעף · דער עלענדער · אייער גארטין וועכטער · דער יאזעף וואש
וא האשט אים מיט דיינער גינאדע אונ מיט דיינער גיטע דיא
סטע רייכע טיר גיעפינט · וואש דוא האסט אים דער נאך צוא
עם טיש פון דיינע עלטערין צוא געפירט · פאר געסין זאל איך
ינע צווייטע האנד דיא רעכטע · דיא גיזונטע · אויב איך האב
אן דיך פאר געסין · א מיינע טייערע גאלדענע מארגאט ·
הערץ איז פיל וויכטיגער אונ איידעלער פאר אלע איידעל

RECOGNITION

בית
נישטיין

גישטיין פון דער וועלט · נאך איז יענער ניט געבארין געווארין ווא
זאל ווערט זיין צוא באזיצין דיך (פאר אנווייב צוא האבין) · א
בין נאך צוא ארעם אום צוא לוינען דיך פאר איין טרער וואש
האסט אום מיך געוויינט · פאר איין ווארט דיינעם מיט וועלכע
דוא האסט נאך געפרעגט אויף מיינע גיזונדהייט · איין היילי
שרעק · אונ איינע פרוסטע בעוואונדערונג · איז איבער גיפא
איבער אלע הויז לייטע וואש ווארין דער ביי · מעהר אלס איי
שטונדע איז איבער גילאפין · אין קוכין אונ אין האלדזין זיך
יעדערין באזונדער · דען דיזער יאזעף וואש וואר שוין פאלג
מאיאר וואר אזוא באשיידין (עניו) ביי זיך דאש ער האט
זעלבסט מיט דיא דינערשאפט געקוסט · עס וואר דארט
געוויינט · גיפרייט · אונ ערסט דער נאך אלס דיא הערצער
דיא געמיטהער האבין זיך שוין בערוהיגט · דאן האט מען
גאר איבער נייעס גיזעצט צום טיש · אלע ביי זאמען קליין
גרויס · אונ יאזעף האט דער ציילט פאר זייא זיינע גאנצע גישי
וויא אזו ער איז געווארין מאיאר · אונ דוא מיינע לעזערין זא
זיך ניט וואונדערין אויף זיין אזו גיך דער דינגען זיך · דען
יענע צייטין וואר אין פראנקרייך אנדערע יארין · דיא פראנצוי
ארמייא פרעגט אזו מצליח זיין דאמאלס דאש פון איין בעדי
אדער לאקייא פלעגט צוא ווערין אזו גיך איינעראל · דאש ב
ער פלעגט דארפין אריין קריכין אין קארעטע פלעגט ער זיך ב
מעשה גאר פאר געסין דאש ער איז שוין איין יענעראל
פלעגט זיך שטעלין פון הינטין אויף דיא<אפיאטקעם> ווייל
האט גימיינט דאש ער איז נאך לאקייא · נון לאמיר אונז אום ק
צוא אונזער גישיכטע ווייטער :

5.

"דער טויטער גאסט„

כל הלילה חלף כרגע) דיא גאנצע נאכט איז איבער גי

וויא



א איינע סעקונדע אונטער דיא זיסע ערציילונגען פון דעם יאזעף ·
האט זיך זייא דיא האר קאפויר גישטעלט הערענדיק אין
קע גיפאהרין ער וואר · באלד אבער האבין זייערע הערצער
זייערע לייבער פון פריידין גיטאנצט הערענדיק ווידער דיא
נות · דיא גריקין פון זייער פאטער לאנד · דער ביי וואר דער
דיא קעסטליכע שפייזין אונ דיא בעסטע גיטרינקע · אונ
וואר לוסטיג ביז טאג · אויף מארגין וואר מיט דיזער נייעם
שטאט פול · אונ יעדער מענטש האט שוין ביי זיך גיקלערט ·
יאזעף וועט פאר געוויס בלייבין דער מאן פון מארגאטען ·
אזו האט מען גימיינט דאש נאך פיל שידוכים וועלין פאר
ים גישלאסין ווערין איצונד אין שטאט · דען אלע אפיצירין פון
עם רעגעמענט ווארין אלע שיינע יונגע לייט פון רייכע עלטערין
קיינער האט נאך קיינע פרויא גינומען · אונ מייכען אין
ווארין גאר דיא פילע אונ דיא הילע · אזו ביי יודין אונ
ביא קריסטין · אונ דיזע יונגע העלדין האבין פיל מער פאר
ען איין צו נעמען דיא ווייכע מיידכען הערצין אלס שטיינערנע
נגען · אונ ווארין אזו גאר אום גיבעטענע געסטע · אין אלע
פון דיא עלטערין וואש האבין נור גיהאט טעכטער צום
צוא פירין · נון האט מען גימיינט דאש עס וועט דא זיין
יטין איבער האבצייטין גאר אן אשיעור · אונ דאך איז ניט
שידוך גישלאסין געווארין · אונ זעלבסט ניט גירעט ביי קיינעם
פון · אונ דאש וואר נור איבער איינער דומהייט · איבער
נע אבער גלויבין · וואש דוא מיינע לעזערין וועסט געוויס דער
לאכין · אונ דאך ווייס איך ניט ווען דוא זעלבסט וואלסט דאן
ש גילעבט אונ וואקסט געווען א מיידכען צום קרעפ ווערן (דאש
איבער איין אונ דרייסיג יאר) ווייס איך אויך ניט צוא דיא
סט זיך דאן גיוואגט צוא דיינקען פון אשידוך · דען דאש
ר גלויבין (דאש הייסט דאש גלויבין אין דומהייט) האט אין
מעהר קראפט אלס דער וואהרער גלויבין אונ אלס דער שכל

זעלבסט

LOCAL BELIEF



זעלבסט · דאס דער קלינסטער מענטש קען אים ניט ביא […]
און גלויבט אין זיינע נויטין אין אלע גאווענדעם · און דאס
ווייל דער מענטש איז ערצויגין אין אבער גלויבין · און
ערציהונג איז דיא צווייטע נאטור · און ווען איינער שיינ[…]
צוא זיין ניט אבער גלויביש · איז ער עס נור פאר אנדערע א[…]
אויגין · אין טיפין הערצין איז ער אבער אבער גלויביש או[…]
דאס זעלביגע וואס דער אבער גלויבישער טוט · און גליי[…]
אוים אין דעם צוא איינעם הונד וואס מען לערינט אים
שלוה · דאס ער שטייט אויף זיינע הינטערשטע פים כל זמ[…]
מען קוקט אויף אים · נעמט מען אבער אראפ דיא אויגין פ[…]
דאן פאלט ער ווידער ארויף אויף אלע פיר פים · אזו גופינ[…]
אין דער גישיכטע · דאס ביא איינעם גרעסטין משורר פון א[…]
צייטין (ביירָאן) וואס ער האט אין זיינע ביכער גילייקינט ז[…]
אן אזעלכע זאכין וואס מיר קענען עס ניט און טארין ע[…]
לייקענען · האט מען נאך זיין טויט ביא אים גיפונען אקמ[…]
זיין הערצין · און ווידער איינער פון דיא גרעסטע גבורי […]
וואס ווארין אויף דער וועלט און וואס וואר דער צוא אי[…]
גיקלערטער מאן · האט מען אים אמאל דער וויסט דאס ער ו[…]
גורל מיט ביידע שקארפעטקעס פון זיינע פים · צוא זאל ש[…]
פיינט שוין איבער פאלין אדער ניט · און אזו שאול וואס
אויס גיקאסירט אלע מכשפות פון ארץ ישראל · איז דע[…]
גיגאנגען אליין פרעגין ביא איינער צויבערין · גינוג דאס
גלויבין האט אגרוישע מאכט איבער דעם מענשינס הע[…]
אימער און אייביג · זעלבסט אויף דיא גרעסטע מענטשין
שוין אויף דיא מיידכען פון מאקאן · און דיזער אבער גלויב[…]
דיא זאגע (שמועה) פון דעם טויטין גאסט · איינע גישיכט[…]
וואר פאר שריבין דארט אזו אין דעם אידעשין פינקס · א[…]
אין דעם קריכטליכין קראניק · אונטער דיזעם שרעקליכין
„טויטער גאסט„ וואס דאס ענדע איז דארט פון דיזעם ספור
אלע

BYRON

THE RESILIENCE OF SUPERSTITION



[…]לע הונדערט יאר קומט אהער אנאסט אין שטאט וואס נער איז
[…]לין גאר אטויטער · שאדכענט זיך צוא אלע מיידכען · און
[…]רייט זיך אום דער נאך דאס גיזיכט צו דעם נאקען · נון וואר
[…]ארע דיזעם יאר דער לעצטער פין הונדערט · און דיא זעלבינע
[…]אנאסין וואס ער קומט אהין אלע יאר · דיזער גאסט וויא מען
[…]גנט קומט אלע הונדערט יאר שענער איינגער און מאדעשער
[…]קליידעט · צייגט זיך זייער רייך · מאכט זיך גיפעליג צוא יעדער
[…]ירכען · און דער נאך אלם זיא איז שוין אין אים העכסט פאר
[…]בט · דאן זוכט ער זיך שוין אוים איינע שטילע נעכטליכע
[…]ונדע צוא זיין מיט איר אליין · און דרייעט איר דאס גיזיכט
[…]ום נאקין אום :
[…] אך) דאך נור פון וועלכע צייט אן איז שוין דאס · און
[…]ארום קומט ער אהער · דאס וויסט קיינער · דען דער פינקס
[…]ן אזו דער קראניק איז קוים אלט צווייא הונדערט יאר · ווייל
[…]א פאריגע זיינען פאר ברענט גיווארין · און אין דיזע · דאס
[…]יסט אין דעם פינקס זיינען באשריבין דיא עטליכע אידעשע
[…]ידכען וואס זיינען אום גיקומען דורך דעם טויטין גאסט · אין
[…]ע צווייא מאל · און אין דעם קראניק איז באשריבין דיא עטליכע
[…]יסטליכע מיידכען וואס זיינען אום גיקומען אין דיא צווייא מאל ·
[…]ואר דיא גאנצע צייט וואס לייפט איבער פון איין מאל צוא דעם
[…]דערין מאל · מאכט זיך דער עולם נור לוסטיג איבער דיזע
[…]וועגדע · און דאך וויא עס קומט שוין אזוואך פיר פאר דעם
[…]נדערטין יאר · ווערט ניט דער מאנט קיין ווארט פון קיין שידוך ·
[…]ן אלע מיידכען ווייכין פון יעדין יונג גיזעלער (בחור) וויא איין דיב
[…]נב) ווייכט אויס דעם אסטראג · און אלע נאכט ווערט דארט
[…]ער ציילט אין שטילע גיזעלענשאפטין שרעקליכע געשיכטען פון
[…]דים · פון מתים · עס ווארין דער ביא זעלבסט גאנץ אויף
[…]קלערטע לייט · פלעגין עס צוא הערין זייער ערינסט · און
[…]לעגין צוא זאגין „וואס מיינט איר · עס איז דא פאר גיוּים אין
דער

EFFECTS JEWS & CHRISTIANS ALIKE

דער וועלט צווישין הימיל אונ ערד פיל מעהרערע זאכין
אונזערע פיליזאפען דייגקען, אונ דאן האט זיך יעדערער
גישעצט · דאש ער איז צוא הויז · אונ איז ניט אין אפוסטין
אין אוויסטין מיל · ניט אונטער אבריק · אונ ניט אין איין
שראם · אונ פשיטא שוין ניט אויף אבית עולם :

ובני הנעורים) דאך אבער דיא יונגע לייט פון דיזעם
רעגעמענט האבין זיך דאריבער לוסטיג גימאכט · אונ פלעגין
צוא זאגין „א מעכטין דיא מיידכען אזו אונז דיא קעפ ניט
דרייען וויא מיר וועלין זייא ניט פאר דרייען · אונ פלעגין
איין צוא דרינגען אין יעדעם הויז וואו עס וואר נור איין מיידעל
אוים צו געבין · מען האט זייא אבער אין קיין ארט ניט אן גינומען
אונ פלעגין מוזין אפ ציהען צוריק מיט לאנגער נאזע (דאש
מיט בושה) נון וואר זייא דארט אין מאקאן אזו לאנג ווייליג
אכהן אויף אבית הקברות · וויא אוויין הענדלער צווישין נ
אדער בעסער צוא זאגין וויא איינעם קאוואלער אין אנאנען קלו
(מניסקעם) · דען עס וואר דאש גאנצע יאר דארט קיינע האבין
קיינע פרייליכע אווענד גיזעלענשאפטין · פונקט וויא אין
וואכין פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב · מעהר פאר
יונגע לייט פון דיזעם רעגעמענט האט דארט גיליטין דער
נארבוניע · דען ער וואר אזו שיין אזו בעהנט דאש ווע
מיידכען עס האט נור אויף אים איין בליק גיטאן וואר זיא שוין
ליבט אין אים · אונ דאש וואר דאן דארט דער געוויסעסטער
פון דעם טויטין נאסט · אונ דאהער האבין אים אלע מיידכען
געוויכען וויא דעם פעסט · דורך וועלכע נאם ער פלעגט ניט
גיין פלעגין צוא גילינגט ווערין דיא לאדין · אדער דיא גאר
ארונטער גילאזין דאמיט דיא טאכטער דעם הויזעס זאל הליל
ווילענדיק אקוק טאן אויף אים · אונ דאן וועט איר שוין
דער נאקין אום גיקערט · נון איז דיזעם יאזעפען אזו ווייט ש
גיגאנגען דארט אין דיזעם צווייבער יאר דאש ער האט שוין





פאר נעסין וויא איין פראויענצימער זעהט אוים · אונזערע מארגאם
דיא טאכטער פון דעם אראן זומערזעט וואלט אין דיזער זאכע אויך
קיין אויסנאם מאכין · זיא וואלט בודאי אויך אוים געוויכען אים
וויא יעדע אנדערע מיידכען · אונ וואלט גיוועזין איין גישפארט
וויא איינע נאנע (מניסקע) אין אויבער צימער ווען זיא וואלט
אים שוין איין מאל ניט אן גינומען אונ ערקענט דאש ער איז דער
יאזעף נארבוניע וואש זיא וואר זיינע וואוילטעטערין : אונ וואש
זיא האט זיך העכסט גיפרייט מיט זיין קומען אהער · צוואר אפילו
אין הערצין האט זיא פילייכט איין עטוואס אנדערש גידיינקט ·
דאך הערראוים ווייזין האט זיא עס ניט גיקאנט · אונ איז אים גיבליבין
גוט אונ אזו ער איר · עס וואר אבער דער בייא קיין ווארט פון
ליבע צווישין זייא גישפראכין · אונ פשיטא שוין ניט וועגין אשידוך :

6.

דער גיטאפעלטער גיבורטס טאג :

כן עברו והלפו) אונ אזו זיינען זיך איבער גילאפין עטליכע
מאנאטין · אונ יאזעף וואר אלץ בייא דעם אראן זאמערזעט אויף
קוואטיר · אונ וואר שוין דארט פאר רעכינט פאר איין איינענעם
זון · מען האט זיך שוין גאר פאר געסין דאש ער וואר אמאל
אוועכטער אין גארטין · איין בעטלער קינד אונ דאש גלייכין · מען
האט עס אים קיין מאל דער מאנט · אונ אזו ער אליין זיך אויך
ניט · גראדע אום גיקערט ער פלעגט נור צוא דער ציילין וויא רייך
עס ווארין אמאל זיינע עלטערין · אונ וויא גרוים זיין פאמיליע איז
דער צוא גאך האבין זיך זייער פיל נגידים פון שטאט מודה גיוועזין
פאר אים אונ פאר אראן אין דיא אויגין זייענדיק דארט אמאל
אויף אשמחה דאש זייא זיינען גאר זיינע נאהענטע קרובים · אונ
האט פון זייא מיט דער צייט דער גאנגען ווען זיין גיבורטס טאג
איז · דען וועלכער פארנעהמער מאן לעבט עס אן אגיבורטס טאג :
אונ צום גליק אין דער רעכענונג אויש גיקומען דאש זיין גיבורטס

טאג איז אין דעם זעלביגין טאג פון מארגאטס געבורטס טאג ·
וואר איין וויכטיגע געלעגענהייט צוא איינעם באל אין זומערז
הויז · פיר וואכין דער פאר וואר מען שוין דארטין באשעפט
מיט דיא גרעסטע צוא ברייטונגען · דיא טאכטער וואר פ
נומען מיט אלערלייא האנד ארבייט · דען זיא האט אויש ג
טייערע נאז פאציילקעס · מעסטעס · שלייקעס פאר דעם יאזע
דיא מוטער וואר ווידער באשעפטיגט אן צוא נרייטין קאנפיטור
פעקעל פליישי גירייכערטע גענזענס · דארע קיסקעס אונ דאש גרי
דער פאטער וואר באשעפטיגט גאר מיט נאך פיל וויכטיגערע זא
אלס זייא ביידע וואש מיר וועלין באלד דער פון דער ציילין ·
אליין דאש הייסט יאזעף איז גיפארין קיין פאריז אונ האט
גיהאנדילט פאר מארגאט בארבאנטער שפיצין · איינע טיי
גיטארע · אשיינעם בראנזעלעט · איינעם גאלד גיהאפטין וואל
אונ מען האט מיט דעם גרעסטין פאר לאנג גיווארט שוין אויף די
ערווינצטין טאג · וואש יעדערער האט זיך פאר שפראכין
האבין אין אים איינע אנדערע פריידע · אונ דער סוף וואר ד
מען וואר דארט אין שטוב פיל מאל מעהר גיקריינקט וויא אין
אלע טעג פון אנגאנץ יאר · וויא מיר וועלין דא ארץ באשריי

וכן בא יום המקווה) אונ אזו איז אן גיקומען דיזער ערווינצ
טאג מיט גרויס לארעם אונ געפילדער · דען קיים האט ע
גיהייבין צוא באגינען · עס וואריןנאך ביא דעם אראן זומער
דיא לאדין צוא גימאכט · האבין שוין הונדערט אונ פופציג
דיא פולקאוואי מוזיקע גישפילט אונטער דיא פענסטער פון
פארלאזענע כלות האט מען דער וויסט אין זייערע בעטין מיט אום
גידרייטע גיזיכטער צוא זייערע נאקינס: אונ דיא עלטערין פון
יעדער כלה זיינען גיקומען צוא לייפין צוא דעם ווירט פון דער בירזע
נאך צוא פרעגין בייא אים וואש איז דער מער מיט דיזעם לאנגין
הערין · דען דיא זעלבע ראלע וואש ער האט גישפילט אין דיא
ערסטע נאכט דארט בייא דעם קויפמאן העלנארד מיט זיינער
טאכטער נארמאדע · האט ער גישפילט אין דיא אנדערע צווייא
נעכט בייא דיא אנדערע כלות · אונ אין דיא דריטע נאכט וואר ער
בייא זייא אלעמען דרייען שוין אונ האט זייא אום גידרייט דיא קעפ
אונ איז פאר שוואונדין · דער ווירט האט זייא גיענטפערט דאש ער
פאר שטייט אויך ניט וואש דא איז מיט אים גיוועזן · דען עס איז קיין
זוואניע פון אים דא גיבליבן · אונ עס איז וואנדער איבר וואונדער ·
אונ נאך וואר עס ניט צוא ענדע דער מיט · הערט נור :

וישימו אותן בארונות) נון האט מען דיא דרייא כלות אריין
גילייגט אין ארונות אונ מען האט גיוואלט זיי טראגין מקבר זיין דאך
טראגענדיק האט מען דער שפירט דאש דיא דרייא ארונות זיינען
זייער לייכט · דא האט מען זייא אויף גיעפינט האט מען זייא גיפונען
ליידיג נור מען האט דארט דער וויסט דרייא שנופטיכער פרעס
ווייסע וואש וואר גיצייכינט אויף זייא דיזע ווערטער מיט בלוט
„צום אייביגין אן דיינקען צוא אייך דרייען פון מיר טויטין נאסט ·
אין הונדערט יאר ארום צום ווידער זעהען„ אונ אלס מען האט דיא
ארונות ארונטער גילאזין · האט מען גיזעהען וויא איינער אהויכער
וואש האט גיהאט דרייא וואונדין בייא דעם הערצין שטייט איבער





דיא קברים · אונ לאזט איינגע טראפענס בלוט אהין אריין טריפין ·
אונ אלס מען האט אים גיוואלט פרעגין ווער ער איז איז ער שוין
ניט גיוועזן · דיא זעלבינע גישיכטע האט גיטראפין אין הונדערט
יאר ארום מיט מעהר פריסקייט אין דיא זעלבינע וואך · מיט קליינע
אום ענדערונג · אויך וואר דאן אין דעם טאג פון זיין קומען
שטורעם אונ רעגין · אונ אזו וואר עס צוא דריטין אונ פערטין
הונדערטין יאר · יעדעם מאל קומט ער אלץ שווארץ גיקליידעט ·
פארט אריין אין דער זעלבינע בירזע וואש איז מיט דעם גאלדענעם
...לער (אזו אזנאק) אונ דאש ענדע איז אלע מאל דאש נאך זיין
...עק פארין בלייבין דרייא מיידכען אין וועלכע ער ליבט זיך מיט
...דרייטע גיזיכטער צוא זייערע נאקענס · עס איז פאר שריבין
...טיר דיא נעמען פון אלע מיידכען עס ווארין שוין אונטער
...עם אויך עטליכע אידעשע · אונ וויא מיט יעדערע איז צוא
...נאנגען · איך וועל עס ענדין ווען מיר וועלין לעבין אין איין אנדער
...ה · נוא זאל שוין דער אויבערסטער איין היטין אונזער שטאט
...נטיגין יאר · איבער הויפט מוז מען זיך אליין היטין דאש קיין
...ל זאל ניט בלייבין אפאר קנאסטע פון פאריגין יאר אונ פשיטא
...ין ניט צוא פאר קנאסין אין הייכטיגין יאר · פאר צייטין פלעגט
...ן עס דא אפילו אוים צוא רופין אין שול · אונ אזו להבדיל אין
...ומטער · נור היינט ברוך השם גלויבט מען שוין ניט אין וואש
...איז אחוב צוא גלויבין :

...הספור הזה) דיזער ספור האט גימאכט אשרעקליכין איינדרוק
...זייער פיל צו הערער בפרט אויף דיא פרויען · זייא זיינען
...ר גילאפין צום שפיגיל אונ האבין זיך איין גיקוקט צוא איז
...רע גיזיכטער ניט אום גידרייט צום נאקין · האבין זיך איינע
...אנדערע פאר ריכט · דען פון גרויס שרעק האט זייא גידוכט
...ש זייא זיינען יונג אונ שיין אונ איין טויטער גאסט האט זייא
...איין עטוואס דיא קעפ פאר קרימט · דען איינגע פון זייא
...ן ווירקליך גיהאט קרומע קעפ פון לאנג אן · דאך דאש רוב

מאנעם

מאנעם לייט וביותר אונזער אראן האט עס גיהאלטין עפעס פאר
איינע וואונדערליכע נאוועדנע · אונ האבין דאריבער גישפראכ
פילעם אונ ברייטעם · יעדער האט דער ציילט דער ביא איינ
אנדערע גישיכטע · דאש יעדער באזונדער וואר דער פון פיל או
דול אונ אזו איין גישטראסעט פון דיא גייסטער געשיכטען דא
זייא האבין פחד גיהאט אנאז ארוים צוא שטעקין דרויסין · ע
וויא מען האט גיגרייט צום טיש · אונ מען האט גימאכט א
שנאפס נאך דעם אנדערין איז גיווארין דיא גיזעלשאפט לוסט
אונ מונטער דאס מען וואלט דעם טוטין גאסט זעלבסט צום ט
געלאדין אונ נאך האט יעדערער דעם קהלשין סופר זייער גידא
פאר דיזע גישיכטע דען ער האט עס זייער שיין ערציילט :

## 9.

## „דער טויטע גאסט אליין"

ששה שבועות) גאנצע זעקס וואכין זיינען נאך דיזעם אב
איבער גילאפין · אונ אין אראנם הויז וואר קיין נייעס גישעהן א
אין שטאדט וואר שטיל · עס וואר ניט צוא הערין גיוועז פון
תנאים · פון קיין חתונה · הן ביא אידין אונ הן ביא קריסט
דער ווילע האט זיך אן גירוקט דער אנדערער האלבער ח
שבט · דיא צייט וואש דער טויטער גאסט פלעגט אין אים
הונדערט יאר צוא קומען · דיא בירזע פון דעם גאלדענעם א
וואר נאך אויף איר ארט אונ שטעלע וויא פאר פינף הונד
יאר צוריק · אונ דער ווירט וואש האט דארט איצונד גיוואונט
זיך באריםט דאש ער איז איין אור אור אייניקיל פון יש
ווירט וואש האט דארט גיוואונט בשעת עס האט זיך דארט גיט
דיא גישיכטע נאך דעם ערסטין מאל מיט דעם טויטין גאסט ·
פאר עטליכע טעג צוריק האט ער איין גילאדין צוא זיך אלע
באקאנטע · האט גימאכט אקליינעם מארצייט · אונ האט
דער נאך אויף גימישט דיא אלטע ארכיוועז פון דיזער בירזע





עס שטייט אין זייא פאר שריבין דער נאמען פון יעדען אורח וואס
איז איין גישטאנען אין איר זינד זיא איז גיבויט · האט ער זייא
אויף גימישט אונ האט זייא גיוויזין וויא עס איז דארט איין גיצייכנט
דער נאמען פון דעם טויטין גאסט מיט רויטע פארב אין יעדין
הונדערטין יאר · אונ דאש האט גימאכט אשרעקליכין איין דרוק
אויף אלע איין וואונער פון שטאט · דאש מען האט קיינע פרייא
מינע גימאכט :

REPEAT PERFORMANCE

ויהי) אונ עס וואר אין דעם זעקס אונ צוואנציגטין שבט
האט זיך דער הימיל פלעצליך פאר חמארעט · דען עס וואר
פארהער כמה וכמה טעג זייער שיין · אונ עס איז גווארין אשרעקליכער
רעגין · מיט דונערין אונ בליצין · אונ דער צוא נאך אהאגעל אויך ·
אונ וויא דיא וואסער זיינען גילאפין איבער דיא גאסין האט מען
דער זעהען דאש עס פליהט איין אייזערנער קאסטין איין גישפאנט
מיט פיר פערד · ארום אים זיינען פערצין אדער פופצעהן רייטער ·
אונ דער יונגער לאנגער הער איין גיוויקילט אין אשווארצין לאנגין
מאנטיל רייט צווישין זייא · אונ זיינען אריין גיפארין אין דער בירזע
פון גאלדענעם אדלער · קוים האבין עס איינינגע דער זעהען · אונ
דיא שטאט וואר שוין אויף דאש דער טויטער גאסט איז שוין דא ·
אונ דאן האט זיך יעדע מוטער גיוואונסין דאש איר טאכטער וואלט
בעסער אמניסקע גיוועז אלם צוא האבין איין פאר דרייטעם גיזיכט ·
מען האט צוא גיהאקט דיא לאדין אין יעדין הויז · אונ מען איז
גיזעסין אין פחדים אין מיטין טאג · אונ וואו עס וואר נור עפעס
איינע אלטע פרויא אדער איין אלטער תהלים זאגער · האט מען
דער ציילט אפאר טויזינט אזעלכע מעשות שוין · אונ האט באדויערט
יענע צייטין וואש עס וארין אזעלכע בעלי שמות וואש האבין פון
אזעלכע רוחות (גייסטער) אש גימאכט · נון וואר גיקלערט אין
יעדער שטוב וועלכע מיידיל קען דא זיין דיא ערסטע כפרה · דען
מען האט זיך אגאנץ יאר גיהיט אום אונ אום פון שידוכים אונ פון
ליבשאפטין · נון איז ביא יעדערין גיבליבין דאש דיא מארגנאט

דעם אהרן זומערזעטס טאכטער וועט זיך גיווים דא ניט אויז
דרייען · דען וויא איז עס מעגליך האבין זייא גיזאגט · דאש מע
זאל זיין אין איינעם מיט אזו אשיינעם יונגין מאן וויא יאזע
נארבונג איז אונ מען זאל זיך ניט פאר ליבין אין אים · נוא וועז
דער טויטער נאסט פאר גיווים איר איין לאדין צום ערסטין טאנ

וכאשר הרצו כן היה) אונ וויא מען האט אפ גיקלערט א
האט זיך טאקע אויש גילאזין · דען קוים האבין זיך דיא אורחי
דארט אין דער בירזע זיך ארום גיטריקינט אונ אום גיביטין זייע
קליידער; האט מען אריין גירופין דעם ווירט צוא דעם יונ
הערין · ער איז אריין צוא אים אטוויטער דען ער האט גיהער
שוין פון דעם לארעם וואש איז אין שטאט וועגין דיזען נאסט
אונ איין נוים שוויים האט אים באגאסין אלס ער האט דער זעה
דאש דיזער הער איז נאך דער צוא זייער לאנג אונ דאר · גיקליידע
אין שווארצין · דאש גיזיכט איז אש גרא · דיא פינגער זיינ
לאנג אונ דין מיט בורלאנטענע רינגען · דער צוא נאך א
אייזערנער קאסטין מיט גיוואפענטע לייט · פונקט עס פעלט אה
ניט וויא דער קהלשער שרייבער האט דער ציילט אין דיא נא
פון חנוכה דען ער וואר דארט אויך גילאדין · ער איז ארא
אקרוב · אונ דאך האט ער מוט בקומען צוא פרעגין בייא א
אפאם „דאס ברויך איך ניט" האט ער אים גענטפערט מיט שטא
„דען איך ווערדע מארגען זעלבסט זיין בייא דעם בורגמיסטער
דער ווייל קענען זייא מיין נאמען מעלדין" „זימאן האן א
ווין" ער וועט נאך פיליכט צו מיר קומען דער ווייל ווער א
וויסין וואז וואונט דא איין געוויסער רייכער קויפמאן אז
זומערזעט · אונ צוא איז ער צוא הויז · אונ וואס מאכט זיי
טאכטער · הערט זיך ניט פיליכט איז זיא שוין אכלה ·

ויהי כשמעו את הדברים האלה) אונ עס וואר וויא ער הא
דער הערט אזעלכע דבורים איז ער גיבליבין אויסער זיך פון גר
שרעק דאש ער האט ניט גיקאנט דעם אטעם אפ ציהען · א
האט



ט אים ערסט אין עטליכע מינוט ארום גיענטפערט „ליבער הער
קען זייא גאר ניט דער פון דאש זיין טאכטער מיינט גאר צוא
ין אכלה דיזעם יאר · אונ ווייטער וויא נור דער שטורעם וועט
ער גיין ווערין מיר אייך אליין אהין אוועק פירין · נור וויא מיר
זיך איז גלייכער צוא קומען אהין ערסט מארגין · דען היינט
ן דא בייא אים קויף לייטע · אונ ער איז זייער פאר נומען ·
ווייטער דוכט מיר מיין הער דאש זייא ווערין בייא מיר קיינע
קוואטיר האבין · איך העטע זייא זעלבסט גיראטהען אריין
קלייבין דארט אין דער בירזע פון ווייסין קראניך „איי וואָרום,
ער זיך אפ גירופין · אונזערע לייט לאזירין דא אימער אונ
פעלט אונז · דער ווייל האט זיך דער ווירט וויא מעגליך
ימאכט · אונ איז גילאפין אין רעכטין שלאקס רעגין אן צוא
דעם אהרן אונ זיינע טאכטער וויא ווייט עס האלט שוין דא
אים „נוא וואש וועט איר איצונד זאגין, האט זיך דער ווירט
רופין צוא דעם אהרן אריין, קומענדיק צוא אים אין שטיב „איר
נאך אלץ פון טויטין נאסט, איך שווער אייך וויא איך אונ
לעבט דאש ער איז שוין דא בייא מיר אין מיינער בירזע ·
שרעקליכעם גישטאלט זעהעט אויש נאטירליך וויא ר' הערש
סופר הקהל האט דער ציילט ניט זעהען זאל מען עס · עס
אים טאקע דער נאמען „טויטער נאסט" · היינט פאר שטייא
ניט וואש ער פירט דא אין איינעם אייזערנעם קאסטין מיט
יל רייטער · נינוג איך וויל שוין אזו ווייט ניט ריידין · נור
איז ערגער פאר אלץ · ער האט בייא מיר גיפרעגט וואז
וואונט אונ צוא אייער טאכטער איז אכלה שוין · ער האט
גיוואלט גיין צוא אייך האב איך אים מיט מיהע קוים אפ
לטין · איך האב אים נאראיעט אפילו איין אנדער קוואטיר ·
חלעבין ווארצו דארף איך דאש אזעלכע געסט זאלין נור בייא
איין שטיין · האט ער ניט גיוואלט, מיינע לייט שטייען דא
ר איין, האט ער מיר גיענטפערט · איך. ווייס ניט וויא מיר
וועלין

וועלין דא דיזע נאכט איבער לעבין : מיין ווייב איז שוין
מענטש נאר ניט דער פון :

וכדברו) אונ אזו ריידענדיק האט ער זיך אלץ געווייסט
שוויים פון געזיכט · אונ עס האט אים גיקלאפט אצאן אן אצ
דער ווייליע איז גיוואָרין אָוועגד · אונ אויף דרויסין איז גי
שטילער · דא האט זיך דער ווירט אריבער גיהאפט צוא
בורגמיסטער · אונ האט אים דער ציילט דיא גאנצע זאך
צוא אזאג גיטאן דאש דער טויטער גאסט האט גיזאגט דאש
ווערט אום גיזאמט ביי אים זיין · דיזע ליבע נאכריכט האט
שיר צוא דער ערד גישטרעקט ! דען ער האט אויך אי
טאכטער אביידכען וואש ליבט זיך אין איונגין אפיציר ·
אונזער אראן וואר אויך פון דיזער ידיעה האלב צוא מישט
האט ניט גיוואוסט וואו ער זאל זיך מיט זיין טאכטער אהין
דאש איינציגע וואש ער האט גיקאנט מאן וואר דאש ער האט
טאכטער פאר זאגט דאש זיא זאל זיך ניט אריין לאזין מיט אי
קיין גישפרעך · „דען וויא עס ווייזט אויס, האט ער איר גי
איז עפעס מיט דיזער זאך פארט ניט גלאט :

בין כה וכה) דער ווילע וויא מען איז דא אין שטוב
צוא רודערט האלב צוא שראקין אונ גאנץ באזארגט · א
באדוויערט דאש גראדע איז דער יאזעף ניט היא · לייפט אר
דינסט מאד בלייך וויא אטוך · זיא וואלט וועלין עפעס זא
קען ניט ריידין פון שרעק · קוים קוים האט זיא אויש גירעט
דער טויטער גאסט איז גיקומען אונ פרעגט צוא קען מען
קומען צוא איך איצונד ! ביי דיזער שאלה האט זיך אונזער
קלוגער מאן אראפ גילאזין פון דיא פים אונ האט זיך קוים
האלטין אן דעם פארענץ פון איינער זאפע · איינע היפשער
האט גידויערט ביז ער האט דיא שפראכע גיפונען · דען ער
דעם לשון פאר לארין · אונ האט איר גיענטפערט „דוא
דאך



איך בין קראנק, נון איז דיא מיידיל ארויש צוא אים אונ האט
גיזאגט · דעם הערין מיינעם איז עפעס איצונד ניט גוט גיווארין
איז קוים אנידער גיפאלין אויף דער זאפע, אזוי האט ער זיך
גירופין בין איך אדאקטער אויך אונ איז אריין אין דער לעצטע
צוא דעם אראן מיט צוויא גרויסע טריט · דיזער שופ · מיט
טימע דיא פוסטע וויא פון אליידיגע טון · האט דארט אין
אלעמען שיר דאש לעבין אום גיבראכט · עס האט זיך יעדער
דער פאר שטעקט אין איין באזונדער מויזלאך · אונ האבין
גילאזין דעם הערין אראן אליין מיט דעם טויטין גאסט ·
אבער וואר דער ווירט פון דיזעם הויז אטויטער אונ דער
אלעבעדיגער · ער האט אים דער ווייסט ליגענדיק אויף דער
בלאס וויא אטוך אונ גאר וויא אן זיך אונ האט אים אן
פאר דעם פולס (דופק) · עס וואר דעם גאסטם האנט אזוי
וויא אמארמאר · דאש דער אראן וואר שוין ביי זיך גיווים
דיזער לאנגער הער איז אטויטער אדער איין גייסט · אונ ווער
אריין ציהען באלד אין דער אונטער וועלט · ער האט גיוואלט
ער האט אבער ניט גיקענט · דא איז ער גיווארין אזו צו שראקן
ער האט באקומען אפין לייב גישווינט, האט זיך אפ גירופן דער
גאסט וועער איז דארט גישווינט מען זאל אים איין אדער עפענן ·
האט אבר זיך ניט אפ גירופן לבד דיא טאכטר : דען זיא איז דאך ·
זיא האט זיך ארוים גיהאפט פון דעם ארט וואו זיא וואר
פאר שטעקט · אונ איז צוא גילאפין צוא דעם פאטער · דער
גאסט האט זיך פאר איר אנייג גיטאן · אונ האט איר
גירירט · אונ האט איר גיהייסין דאס מען זאל אים
איין אדער · דען זאנקט איז נאך אים · אונ האט אפ
אויף איילע אין פאדער שטוב · דאמיט מען זאל צייט
אים צוא רייניגין דארט · דיא טאכטער אבער האט דעם
באלד אפ גיצוכעט · אונ אום גיביטין אים דיא ווייסצייג ·
אים דער לאנגט צוטרין וואסער · דען זיא האט שוין
גיוואכט

גי וואוקסט זיין שוואכע נאטור און איז באלד צו זיך גיקומען
וואו איז ער דער טויטער גאסט, האט ער גיפרעגט און וויא וואַ
דוא זיך אריין צו גיין אהער · אוי איך דער האלט ניט · ער
מיך אן גינומען מיט זיין האנד אביסיל · זיא וואר קאלט וויא
אייז · וויא איין מארמאר · איך האב גימיינט דאש ער ציהעט
שוין אונטער דער ערד „שרעק דיך ניט אזו ליבער פאטער"
זיא אים גיענטפערט · וויא מען זאגט האט ער נאך קיינע
דיא עלטערין לייד גיטאן נור דיא טעכטער אליין „אוי מיין
מיינע אייגציגע טאכטער" האט זיך דער ארן אפ גירופין „און
ביזט מיר טייערער אלס איך אליין„ וואלסט דוא אבער
האט זיא אים גיענטפערט וויא פריינדליך און העפליך ער האט
מיר גישפראכין · וויא זיס עס קלינגט אים ארוים יעדעס
פון זיין מונד · און גליצט זיך זייער זאנפט (ווייך) אין
אריין · ניין ליבער פאטער · אזו אליבליכע שפראכע ווער
גירעט דארט אין דער אונטער וועלט צווישין די פינסטערע
(שדים) אדער צווישין דיא פאר משפטע זינדער דארט אין
העלע (שאול) „אט איז דאש שוין אין גאנצין„ האט זיך אפ
דער פאטער · דאש זיינען טאקע דיא רעכטע סימנים פון
טויטין גאסט וויא מיר האבין אונז אן גיהערט · שלעכט מיין
ער האט דיר שוין אין זיינע הענט „דאך ליבער פאטער"
זיך צוא אים אפ גירופין · איך ווייס אויך פון טויטין גאסט
ניט אין דער ערסטער נאכט פאר דרייט ער דאש גיזיכט צום
ווער נור דוא פריער גיזונד · אבי מיר ווייסין ווער ער איז
ווערין זיך פון אים אפ צעפין · איך שווער דיך ביא דיינע
דאש איך וועל מיך ניט לאזין פאר קיין פאך איין ריידין
צוא ווערין זיינע אכלה · ער מעג זיין דער אשמדאי אליין
קינד, האט זיך אפ גירופין דער פאטער צוא איר · דוא ב
יונג דוא דופעסט נאך צוא פיל אויף דיינעם פאר שטאנד
שפריכווארט זאגט גיב נור דעם טייוועל איין פינגער ער
שוי



שוין נאך שלעפין דיא גאנצע האנד · דאש בעסט איז דאש דוא
אלסט מיט אים קיין ווארט ריידין · דער ווייליע ווער פון אים לויז
אג אים דאש איך בין קראנק · און דאש זאלין דער ביא מענטשין
ין · א וואו זיינען מיינע טרייע דינער · אין נויט פאל האבין
יא זיך אלע באהאלטין · און דא דער ווייליע האט אים ניט גילאזט
טעמען דער בויך · ער איז גיגאנגען פינף מאל אויף איין ווייליע
דער בעסער צוא זאגין גילאפין :

וכן) און אזו לאמיר לאזין דעם פאטער דארט וואו קיינער
ל זיין נאז ניט אריין שטעקין · און לאמיר דער ציילין וואש דארט
אר ווייטער מיט דעם טויטין גאסט :

ויהי) און עס וואר אלס זיא איז אריין אין שטוב האט איר
ר טויטער גאסט גיפרעגט וואש עס מאכט איר פאטער · „לויב
ט איין עטוואס בעסער„ האט זיא אים גיענטפערט · און האט
עטין אום ענשולדיגונג דאש ער קען זייא היינט ניט אויף נעמען
עריג · און האט אזו גאר ניט גיפרעגט ווער זייא זינד „יא · ואיך
דער יונגער האן דער זון פון דעם הערין מינדעל האן וויגער
באנקייע · האט ער איר גיענטפערט מיט איינער פריינדליכע
ע · יא איך האפע · איך גלויבע מיר וועלין אונז באלד נעהענטער
עען · זינד זיא שוין פילייכט ברויט (כלה) „ניין ליבער הער, האט
אים גיענטפערט „איך דיינקע עס ערסט צוא ווערין„ „און דאש
איך האפע האט ער איר גיענטפערט ניט מיט קיין אנדערין
מיט מיר„ ביא דיזע ווערטער זיינען אלע ארום שטייענדע
ליבין בלייך וויא קאלך · און באלד דארויף האט דער פאטער
אזט איר אריין רופין צוא זיך · „אדיו מאמזייל„ האט צוא איר
טויטער גאסט גיזאגט · וויא איך זעה איין איז אין דיזער נאכט
ניט דא וואש צוא מאכין דא · אזו פאר ...צט אדיו · מארגין
ום צעהען בין איך אייער גאסט ווידער · און דאן וועלין מיר
ריידין פון אונזער הויפט זאכע · מיר וועלין עס אפ מאכין
צווייא ווערטער · דען אזו איז מיין שטייגער איטער „אדיו„
און

אונ איז זיך אזו אוועק אויף דער שטאנציע צוריק · אריין גייענדיק אין דער בירזע האט ער דער זעהן איינע דינערין פון דארט · איין גאנץ היפשעס מיידכען · פאר דער האנד איז זיא אים אויך געפעלין · אונ האט איר אריין געבעטין צוא זיך אין צימער · זיא האט זיך אין תחילת אפילו זייער גישראקין · איר פורכט איז אבער באלד צוא וואסער גיווארין אלס ער האט איר אין האנט אריין גיקוועטשט איין דוקאט ,וואש ווילין זייא ליבער הער, האט זיא אים גיפרעגט · ווארפין זייא איר געלט ניט אין נאס ארוים · איך בין צוואר איינע דינערין · אבער קיינע פאדלאנקע · אונ וויל דאש מיין גיזיכט זאל פון פארינט בלייבין שטיין אבער ניט פון הינטין ,איך ווערדע דיר קיינע לייד טאן, האט זיך דער טויטער-גאסט צוא איר א גירופין · איך וויל נור מיט דיר איינע קליינע שטונדע אין דיזע נאכט פאר פלוידערין · דען דוא גיפעלסט מיר · אונ אזו פיר אי מיר אימער אויף דער רייזע אין יעדין האטעל · דען איך ב אפריינד פון שיינע פרויען צימער · אונ מיין דער בייא קיין שלעכט נון דיזע שיינע אונ שמייכעל האפטע רייד · נאך מעהר ד דוקאטין · האט איר אזו ווייט דיא פורכט בענומען דאש זיא א אריין צוא אים אין צימער · אונ האט מיט אים דארט פאר פלוידע אן שטאט איין קליינע שטונדע דרייא גרויסע שטונדין · ער הא מיט איר הויפט זעכליך גישפראכין איבער דעם אראן זומערז אונ זיינע טאכטער מארגאט · דער ווייללע וואזר מען דארט ב דעם ווירט העכסט אום רוהיג דאריבער · אונ מען האט ד ארעמס מיידכען שוין צוא גירעכינט פאר דיא צווייטע פון מארגא וואש זייערע גיזיכטער וועלין ווערין אום גיקערט צוא דעם נא דען וועלכע דינערין פון איין האטעל אדער בירזע איז ניט פ ליבט שוין אין וועמען · נון פעלט נאך איינע דריטע · אונ די וו פאר גיוויס וויא עס ווייזט אויש דעם בורגמייסטערס טאכטער דען וויא · מען זאגט איז זיא אויך פאר ליבט : אין איונגין אפיצ ערסט נאך איינסין איז דיא דינערין לויז גיווארין פון דעם טו





נאכט · אונ איז אריין צוא דער ווירטין פולער פריידע מיט איינעם דוקאטין · אונ מיט אטייערע האלדז פאציילקע · אונ איינע ברוסט שפילקע פון אטאלער צעהען · אונ האט זיך אים גאר ניט גיקענט אפ לויבין ,צייט איך לעב, האט זיא גיזאגט האב איך נאך אזו נוטין · אזו אבראווין · אזו אליבליכין מענטשין ניט גיזעהען · איך גלויבע מאדאם דאש איך בין אים אזו ווייט גיפעלין גיווארין דאש ער דיינקט גיוויס מיך פאר איינע פרויא צוא נעמען ,גוט איך האלט שוין מיט דיר ווייט דימכען (נאר), האט זיך דיא ווירטין צוא איר אפ גירופין · איך וועט מיט דיר דאש מארגין אדער איבער מארגין וועט דיר דיין גיזיכט שוין הינטין שטיין :

הבוקר אור) קוים איז גיווארין טאג · אונ אין שטאט האט שוין גיקלונגען · דאש דער טויטער גאסט ווער דיא נאכט בייא דעם אראן · זייא זיינען שיר פון שרעק דארט אום גיקומען · אונ דאש דיא טאכטער איז שוין אין אים איין גיקאכעט אונ אזו אויך דיא בערטע דיא שיינע דינערין פון דער בירזע וואש איז מיט דעם גאלדענעם אדלער · אונ בידע קוקין שוין אן אזייט · אונ ארום ניין דעם זייגער האט זיך אן גיהייבין צו הערין דאש ער וועט גיין צוא דעם בורגמייסטער · נון ווער עס האט גיהאט די עהרע מיט אים זיך צו זעהען איז ארוים אויף דעם גאס · דיא איבעריגע האבין גיקוקט נור דורך דיא שפארעס דורך דיא לעבער פון דיא שרויפין וואש זיינען אין דיא פענסטער · בייא זיינעם ארויש גיין האט זיך ווידער פאר חמארעט · אונ דער וואש האט אים נור דער זעהען האט שוין גיציטערט בייא אים דיא מארך אין דיא קנאכין :

כבואו) אלס ער איז גיקומען צוא דעם בורגמייסטער · האט ער אים דער וויסט זייער פאר נומען · דאהער האט ער זיך דער ווייעלע אונטער גיהאלטין מיט דער טאכטער זיינע איין שיינעם מיידכין פון איאר אבטצעהן · זיא האט נאך פון דיזער גישיכטע ניט גיהערט דאש דער טויטער גאסט איז דא · דען דער פאטער וואש װאר איין וועלט מאן האט דער פון ניט גיהאלטין · אונ דאהער

האט זיא אים זייער פריינדליך אויף גינומען · אונ האט מיט אים גישפראכין מעהר אלס איינע האלבע שטונדע · אונ בעפאר עס איז איבער גילאפין איינע גאנצע שטונדע האבין שוין דיא מענטשין וואש זיינען גישטאנען ארום שטוב באמערקט · דאש זיא די מיידיל האלט שוין אין האנט איינעם טייערין בראנזעלעט · איינע טייערע ציטער שפילקע · אונ בארא באנטער שפיצין „נון דא האבין מיר שוין דיא דריטע„ איז גיווארין אלארעם דרויסין · אונ איינער דעם פאטערס אגוטער פריינד · איז אריין גילאפין צו אים אין קאנצעלאריע אונ האט אים דער ציילט וויא וייט עס האלט שוין מיט זיינער טאכטער · דאש הייסט דער טויטער גאסט איז דא ביי דיר אין שטוב מעהר אלס איינע שטונדע האלט זיך אונטער מיט דיינער טאכטער · זיא איז שוין אין אים פאר ליבט אונ האט אן גינומען פון אים אויך מתנות שוין · אזו וייט האט שוין דער בורגמייסטער אויך ניט גיווארט שפילין דיא ראלע פון איין פיינעם הוואט דען דא איז דאך נוגע צוא נפשות · ער האט זיך אריין גיחאפט צוא זיך אין דיא הייזער · אונ איז גיווארין וויים וויא קאלך אלס ער האט דער זעהען דיזין לאנגין מאגערען מענטשין אין שווארצין גיקליידעט מיט בורלאנטענע קנעפ זיצט זייער פאר טרויט מיט זיין טאכטער · אונ לעבין איר ליגט דיזע אלע זאכין :

ומי אדוני) „ווער זינד זייא מיין הער„ האט דער בורגמייסטער גיפרעגט זייער פינסטער · ווען זיי האבין נאך קיין שרייבן באקומן וועגין מיך · דא מוז איך שוין זעלבסט זאגן · האט ער זיך אפ גירופן איך בין דער יונגער האן · זאהן דעם קאנטאריסטען מינדעלם האן אויס ווין האף אגענט איך פיהרע דא איצונד דיא צעהען מיליאן דוקאטין וואש דיא היזיגע רעגירונג האט גיליען ביי אונזער ווינער קאמפאניע · נון האב איך איין אקריטען ליכט דאש מען זאל מיר געבין שוין וואו איך וועל נור קומען · אונ האט אים אויף דער שטעלע דיזין פאפיר גיוויזין · דער בורגמייסטער איז גיווארין וויא צוא מישט · האט אים באלד איבער גיבעטין · אונ האט אים גיבעטין זיצין · אונ איז

אריין



אריין גילאפין אין קאנצעלאריע · האט דארט גיזוכט גיאקערט דען ער האט זיך דער מאנט דאש עס איז אים פאר אפאר טעג גיקומען אקאנווערט אונ ער האט זיך פאר געסין צוא עפענען אים ער האט אים גיפונען · אונ איבער גילעזין · אונ איז ביי זיך זייער אראפ גיפאלין · דען עס וואר, דאש איינע שטראנגע פרעפיסאנע פון דעם מיניסטער צוא אים דאש מען זאל דיזין יונגין האן אויף נעמן מיט גרויס עהרע · אונ געבין אים וואכין אונ קאראהולין · אויף זיין קוואטיר אונ באלייטין אים ביז דרייא מייל · ער האט גירוגייעט זיין סאקרעטער אונ איז ווידער אריין צוא אים · האט אים ווידער איבער גיבעטין · האט אים מכבד גוועזן מיט וואש נור מעגליך איזי אונ דאך האט ער ניט גיקאנט אפ ווערין פון זיך איין גיהייכען שרעק טאמער איז עס פארט מיט דיזעם גאסט ניט גלאט · אונ האט אים ניפרעגט פאר ביי ריידענדיק ווארום ער מאכט זיינער טאכטער אזעלכע טרייע גישענקע · דען ער זעהט דאך איר איצונד דעם ערסטין מאל „איך אייער טאכטער גישענקע„ האט ער אים אפ גיענטפערט זייער פינסטער · שאנדע זייא באליידיגין דאך מיר אונ איר · איך האב מיר אן גימראפין מיט איר חתן דעם לייטענאנט (פארוצניק) אלבערט אונמוועגנס אונ מיר קאנען אונז פון לאנג אן האט ער מיר גיבעטין דיזע גישיינקע איר אפ צוא געבין · דא איז גיווארין דער בורגמייסטער זייער רויט · דען ער האט זיך פאר שעמט · האט אים נאך אמאל איבער גיבעט׳ן אונ דער צוא זייער הערצליך גידאנקט · אונ האט אים ארויס גילאזין פון זיך מיט גרויס כבוד אונ האט אים באלייט ביז דעם אראנם הויז · עס האט דער מיט דיא גאנצע שטאט אויף גיקאכט · אונ דאך וואר מען שוין ניט אזו איין גישראקין · דען דאם האט מען גיוואוסט דאש מער אלס דרייא מיידכען דרייעט ער ניט · אום דאש גייזיכט צום נאקין · אונ דיזע דרייא ווייס מען שוין · נון זיינען שוין אלע אנדערע מיידכען ווייניגכטינס העכסט זיכער · אונ האבין זיך אזו אן גיהייבין צו ווייזין אויף די גאסין · צוואר נאך בלייכלאך אבער ניט אזו צוא שראקין ·

ושכה

10.

„ענדע גוט אלעס גוט,

ושמה) אונ דארט אין דעם אראנס הויז אבער וואר נאך דער שרעק זייער גרויס · ער אליין האט זיך נאך קוים אויף דיא פיס גיהאלטין · אלע הויז לייט ווארין די קעפ גיבונדין · נור די טאכטער אונ דיא מוטער ווארין די איינציגע וואש זיינען גיבליבין בייא דעם קוראז אונ בייא דעם מוטע · אונ דאש האט מען גראדע גיהאלטין פאר דעם שלימסטין צייכן · דען דיא נעכטיגע לעצטע רייד פון דעם טויטין גאסט וואר איין גוטער אן צוא הערינס אויף איין פאר דרייטעס גיזיכט · אונ מען וואר דארט העכסט באזארגט דאש וויא דיא טור פלעגט זיך נור עפענען האט עס דעם פאטער אצופ גיטאן אין הארצין · דען ער האט גימיינט אט קומט ער ווידער · אונ איז זיך אזו אין מחשבותין טאקע אריין גיקומען אין שטוב · אונ האט דעם אראן צום אום גליק דער וויסט אין זאל · שלעפט זיך אום הין אונ הער וויא איין שאטין „וואש מאכט איר היינט ליבער הער זומערזעט, האט אים דער טויטער גאסט גיפרעגט זייער הילכיג דאש עס האט דעם אראן טיף אין הארצין אפ גיקלונגען · ער האט גיוואלט ווידער קראנק ווערין איבער נייעס דעם דורך פאל באקומען · עס האט אבער איצונד אים עס ניט גיגליקט · אינ וואר שוין אזו גיצוואונגען צוא שטיין מיט אים אן גיזיכט געגין אן גיזיכט · אונ צוא ענטפערין מיט הייפליכקייט האצבי גינייטער הייט „וואס זאל איך מאכין, האט ער אים גיענטפערט · אט וויא איר זעהט אלץ אזו · עס וואר מיר נעכטין אזו שלעכט דאש איך האב אייך גאר ניט גיקענט אפילו פרעגין ווער איר זייט · נון וויים איך עס שוין דורך מיינע טאכטער · זיצט אויילע איך וועל מיך גיין אן ציהען אונ גיין וואו דער גרויס סולטאן גייט צוא פוס · דען ניט פאר אייך גידאכט איך בין נאך אלץ לויז לייב :

ויהי אך יצוא יצא) קוים איז דער פאטער ארויס איז אריין דיא טאכטער · האט אים פריינדליך גיריסט : אונ אזו ער איר · באלד איזט



איזט אונטער גיקומען די מוטער מען האט זיך מיט אים פון איינאנדער גירעט · אונ האט זיא דער ציילט פון זיינער קראנקהייט וואש עס האט אים אפ גיהאלטין פון צוא קומען צוא איר גיבורטס טאג · אונ האט אן גיהייבין אריין צוא ריידין מכח דעם וואש דער פאטער איהרער האט פאר לאנגט דאש ער זאל זיא הייראטהען · וואו האלט עס יעצט דאש מען איז דא עפעס שוין קאלטליך · אין דעם איז אריין דער פאטער צוריק „נוא וואש זאגסט דוא אראן, האט זיך אפ גירופין די ווייב צוא אים · דאש איז דאך דיין גאסט · ער איז דאך דער יונגער הער האן · נוא וואש בלייבט בייא דיר „א ליבער הער האן, האט זיך דער אראן אפ גירופין מיר טוט לייד · דאש איר זייט ניט גיקומען צום גיבורטס טאג · דען דער וויילע האט זיך דא אונטער גירוקט איין יונגער אבעריסט (פולקאווניק) הער יאזעף נארבונע · איין האלב איינגענער · אונ איך האב מיין טאכטער דאש הייסט וויא פאר קנאסט מיט אים · נון האבין מיר שוין ניט וואס צוא ריידין דער פון · דאך וואלט גיוועזן דאש רעכט דאש איך זאל אייך אזו איין לאדין צו מיר · דאס איר זאלט בייא מיר ווייניגשטין אויף איין מיטאג זיין · דען איך בין מיט אייער פאטער העכסט גוטע פריינד · נון קען איך עס דיזעם נארבונע ניט טאן · דען ער שטייט גראד בייא מיר איין · אונ היינט וועט ער קומען צוא פארין צוא מיטאג · עס קען ווערין דער פון איין פאר דרוס אין שטוב · דען ער וויים דאש איך בין גראדע אייער צד „אונ דאך ליבער הער אראן, האט זיך אפ גירופין דער מוטער גאסט · ערלויבט מיר ווייניגסטינס צוא שיינקען אייער טאכטער איין טייערין רינג פון פינף הונדערט דוקאטין · דען זיא גיפעלט מיר העכסט · אונ זיא וואר דאך מיין ברויט (מיין כלה) אין גידאנקען ווייניגסטינס „ניין ליבער הער האן, האט זיך דער פאטער אפ גירופין · אונ דאש קען אויך ניט זיין · דען דאש וועט נאך מער פאר דריסין דעם נארבונע אלס דיא ערסטע זאך · עס קריינקט מיר צוואר דאש איך קען ניט דאקאזען וואש איך וינץ · דאך אבער שידוכים זיינען פון גאט · אונ מיר מענטשין קענען גאנץ וינציג דער בייא

ביא טאן · אזוא פארט איך צוא ריק אין פרידען· עש פאר דריסט
מיר נור דאש איר האט איך איינע אום ויסטע הוצאה אן גימאכט
אונ דאס זאל איך אויך ניט פערדריסען האט אים דער יונגער האן
גיענטפערט איך פיר דאך די קאסע פון דר גרויסין אנלייהע (הלואה)
וואס דיא רעגירונג האט גימאכט ביא אונזער קאמפאניע· אונ
ווייטער קען איך איך אויך זאגין · דאש מיין קומען אהער צו זעהן
אייערטאכטער וואר נור אום צו טאן דעם רצון פון מיין פאטער ·
רען איך אליין בין שוין לאנג פאר ליבט אין איינער אנדערע · נך
קומט עש ערסט אויש גאנץ קיילעכדיג· דאס הייסט מיר האבין
דער ביא ביידע ניט פאר לארין· אונ אזוא בלייבט מיר גיזונד ·
אונ איז זיך אזוא אוועק צוא ריק אויף זיין שטאנציע :

והאיש אראן) אונ דער אהאן וואר דער מיט העכסט צוא
פרידין · דאס ער איז פון אזו אלעסטיגין נאסט לויז גיווארין · דע
וויא ער וואר פריהער אגרוימער אונגלויבער אין דעם טוימין גאסט ·
אזוא וואר דער נאך אלס ער האט אים דער זעהען אונ פעטרליכ
אים צו אלע סימנים וואש וואר דר ציילט וואר ער דער גרויביגער אין
אים · אונ האט דער לעבט קוים דיא מינוט דאש דער יאזעף
נארבינע זאל שוין קומען אונ זאל זיין טאכטער מיט אים חתונה
מאכין · דען עם איז שוין נאך דעם טויטין נאסט· דען אין דע
זעלביגע נאכט פאר טאג איז בין אים אונ פון זיינע גאנצע סחורה
קיין פוס גיבליבין · זייא זיינען אין שטילן ארויש פון עטאט· דע
בורג מייסטער האט זייא באליט · צוואנציג דוקאטין איז גיבליבין
ליגין דארטין אין זיין צימער וואו ער איז איין גישטאנען מיט איין
רעכענונג דער ביא וואס מען האט דארטין אן גינומען · לבד ביר
געלטין פאר דיא דינער שאפטין · זייא זיינען אלע פאר שודאגין
עפעס וויא מיט אצויבער · עש וואר דער מיט דיא שטאט איבערדע
ווירט האט זיך גישראקין עטליכע טעג אן דיא געלט אן צוא רירין
דען ער האט עם גיהאלטין נור פאר בעצויבערטע מעצין : אונ האט
באלד איין גיצייכינט דארטין אין דער ארבייטע פון דער בריוע מיט

ד עם



דעם גאלדענעם אדלער · דאש דער טויטער גאסט וואש האט זיך
דיזעם מאל גירופין הער האן האט גינעכטיגט צוויא נעכט אין דעם
יאר אונ אין דעם חודש · ער האט גיצייכינט מיט רויטע טינט :

ביום ההוא) אונ אין דעם זעלבינין טאג וואס דער טויטער נאסט
איז אוועק גיפארין איז גיקומען צו פארין דער יאזעף נארבונע · דר
ארען האט אים קוים דער לעבט צו זעהן · אונ האט אים דער ציילט
פון דעם שרעקליכין בעזוך וואס ער האט דא גיהאט פון דעם טויטין
גאסט אונ וואש ער האט דורך דעם בעשלאסין · אין אפאר טעג ארום
וואר תנאים ביא דר מארנאס מיט דעם יאזעף · אונ אין אפאר וואכין
ארום וואר חתונה · אונ אלס עש וואר שוין נאך דער חופה איז דר
טאטער גיווארין דאסזעלבער נאנצר שמחאת וואש דא איז נוועזע
מיט דעם טויטין נאסט וואר נור איינע מאבעריא פון דעם יאזעף
נארבונע · ער האט עש באשטעלט דעם קהלשין שרייבער דאס ער
זאל דער ציילין אזו דיא גישיכטע פון דעם טויטין נאסט דארטין אום
... ביא דעם אראן אין שטוב דען ער האט זיך ניט גיקענט מיט
... יונגין האן אונ האט גיוואוסט וויא ער זעהט אויס · אונ האט
... אין וועלכע צייט ער וועט דא דורך פארין מיט דעם גרויסן
... (הלואה) דורך מאקאן · אונ אלס דער יונגער האן וואר שוין
... פון מאקאן איז דער יאזעף אים ארויס גיפארין אנטקעגין
... האט אים גראטין דאש ער זאל איין שטיין דארטין אין דר ביידע
... גאלדענעם אדלער אונ ווייטער האט דער צופאל אים גיפיהרט ·
... מעהר דר שרעק פון דעם אראן דען ער וואר נאר איין איינפאכר
... טאן · אונ זיין ניט גלייבין וואר גלייך צו זיין זוא גלייבין גאר
... אן אימוד · פון דיזער מאבעריא האט אויך דיא טאכטער אונ
... גיוואוסט דאהר ווארין זייא ביידע דאן דיא אנגרשראקענע
... אין שטוב אלס דער טויטער גאסט איז גיקומען :

האב שמע) דר פאטר האט פון דיזעם שפאס גיהערט אונ האט
... · נאך שפעטער איז גיווארין אויך דר הער האנדר פון
... האט אויך גילאכט אונ האט נאך גידאנקט דער צוי דען באמת

האט

האט ער זיך שוין פאר ליבט נאך פריהער אין איינער מיידכען ·
איז גינאנגען זעהען די מארגאט נור צו ליב זיין פאטער אונ ווייטער
אונ האט גאט גידאנקט דאש פון דעם שידוך איז ניט גיווארין · ב
נאך דער חתונה האט מען אויס גיווירקט ביא דעם מיניסטער ד
יאזעף מאראנע זאל ווערין אויף אימער קאמאנדאנט אין מאקאן ·
האט זיך מיט דר צייט דער דינט דעם צין פון יענעראל :

בן) אזו מיינע טייערע לעזערין אזו וואר די פר צייטיגע וועל
רייך אין גאווענדעם אונ אין בייקעם וואס דיא בעטריגר פלעגין
מיט אוועלט פאר פירין · גאט זייא דאנק דאש אונזערע צייטין וועל
העלער אונ העלער פון יאר צו יאר · מיר ליידין שוין מער ניט
צוויבער פון בעלי שמות · פון מתים · פון טייוולען · פון בלוט זייגע
פון וואוקלאקין · פון קלאג מוטערס · כמעט שוין פון איין עין
אויך ניט · נאך מעהר מיר האבין שוין ניט מער קיינע פא
נביאים · קיינע פאלשע משיחים · קיינע סעקטין מאכער (
מאכער) · מען נעמט שוין ניט אן קיינע נייע חוקים :

אין אפינצטערע נאכט שיינט אויך פוילע האלץ · איין יא
ווערעמיר (נומרא דלילתא) · איין אירוויש דיזע אלע אבער
שווינדען ביא דער זונען שיין · אזו אויך אין דעם פינצטערין
גלויבין שיינט אלעם וואר צו זיין · איין צמוט שיינט איין געט
מאן צו זיין איין האקום פאקיסניק (שווינדלער) גילט פאר איין
מופת · ביא דעם שיין פון דער אויף קלערונג אבער זעהע
אויש וויא הוילע שטראסידלעם אונ ווייטער ניט · יעדער
פאר לירט זיך דאן וויא דער מארגען טומאן :

Jy78.1.36

אײנע

# רייזע אין אפריקא

אין דיזעם טייל קומט פאר, דיא בעשרייבונג פון אלכסנדריא של מצרים ·

מאת אמ״ד.

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ג לפ״ק

ЕЙНЕ РЕЙЗЕ ИНЪ АФРИКА
т. е.
Путешествіе въ африку
А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ*.
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.
1873.